YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv04i04

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 4 Issue 4
January 1922

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 4, Iss. 4)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/162

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 4. — New York, Friday, Jan. 27, 1922. — פרייטאג, דעם 27טען יאנואר, 1922 — PRICE 3 CENTS

יעצט קומען די וויסט און דרעסמאכער

עס ווערט לעבעדיג אין די רייהען פון די ניו יארקער וויסטמאכער. — אן ענטוזיאסטישער מיטינג פון טשער־לייט און טשערליידיס. — ספעציעלע קאמיטעס נעהמען זיך העלפען דער יוניאן. — א מיטינג פון אלע עקזעק. באארדס אין דער אינדוסטריע דעם שבת ביינאכט.—שלעזינגער און באראף וועלען דעם מיטינג אדרעסירען.

איצטער, ווען די לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע איז געווארען באשטימט, וועט די גאנצע קראפט פון אונזער אינ־ טערנעשאנאל אנגעשטרענגט ווערען צו האבען מעהר באשטימט די לאגע אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, ספע־ ציעל אין ניו יארק און אויך אויף דער פראווינץ.

ווי אייערע לעזער וויסען שוין, האט דער דזש. באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע אין נוארק אנגע־ פיהרט אן ארגאניזאציאנס קאמפיין ווייט די לעצטע עטליכע מאנאטען. די צייט איז אבער געווען א שלעכטע און מען האט פיל ניט געקאנט אויפטאן. ברודער האלפערין, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד, צוזאמען מיט די אנדערע באאמטע פון דער קערפער־ שאפט, האבען געטאן דאס בעסטע, אבער די צייט און די אומשטענדען זיינען געווען ניט גינסטיג און מען האט פיל ניט געקאנט אויפטאן.

אנדעריש אבער איז געווארען די לא־ גע איצט. איצטער האט אנגעפאנגען שטארקער מיט לעבען אין טעטיגקייט אין די רייהען פון די וויסט און דרעס־ מאכער אין ניו יארק. די ארבייטער אין דער אינדוסטריע האבען זיך ענדליך ארומגעזעהן אז די ארגאניזאציע מוז געשטארקט ווערען, ווארים די באלעבא־ טים אין דער אינדוסטריע ווערען שוין אביסעל צו פרעך.

אין דער לעצטער צייט זיינען פאר־ געקומען איינינע קאנפערענצען צווישען פארשטעהער פון דער יוניאן און פאר־ שטעהער פון דער וויסט מאנופעקטשו־ רערס אסס'ן. אויף דיזע קאנפערענצען האבען די באלעבאטים ארויסגעשטעלט פאדערונגען צו די ארבייטער.

אט זיינען די הויפט פאדערונגען וואס די פארשטעהער פון די באלעבא־ טים האבען ארויסגעשטעלט:

1. מען זאל רעדוצירען די ווידזשעס אויף 25 פראצענט אין אלע ברענטשעס פון טרייד.

2. יעדער באס זאל קענען אלע מאל „רעארגאניזירען" זיין שאפ און ביטען ארבייטער יעדען אנפאנג סיזאן.

3. ווען נייע ארבייטער קומען ארויף אין א שאפ, זאל די פראבע צייט פאר זיי זיין פיר וואכען, אנשטאט ווי עס איז יעצט, — צוויי וואכען.

4. א שאפ וואס האט ווייניגער ווי צוועלף מאשינען זאל ניט דארפען בע־ שעפטיגען קיין קאטער פון דער יוניאן.

5. אז א פירמע זאל ערלויבט זיין צו ענדערען די ארבייטס סיסטעם פון וואך־ארבייט אויף שטיק ארבייט, און פון שטיק ארבייט אויף וואך אר־ בייט, יעדען מאל ווען די פירמע גע־ פינט עס פאר נייטיג צו טאן.

נאטירליך, די פארשטעהער פון דער יוניאן האבען פראטעסטירט געגען אט די פארלאנגען. זיי האבען געענטפערט אז די יוניאן איז גרייט צו קעמפען איבער נויטיג און אזעלכעס ניט נאכגעבען.

דערווייל האבען די קאנפערענצען, וואס זיינען שוין אפגעהאלטען געווארען, קיינע רעזולטאטען ניט געבראכט. די קאנפערענצען געהען נאך ווייטער אן צווישען סאב קאמיטעס פון ביידע צדדים און מען קען נאך איצט באַ־ שטימט ניט זאגען, מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען.

אט די נייעס האט אויפגערעגט

(שלוס אויף זייט 16)

אינטערנעשאנאל שיקט א קאמיטע צו באגריסען גענאסע דעבס

אויף דער אויפפאדערונג פון פרעזי־ דענט שלעזינגער און סעקרעטער באראף איז א קאמיטע פון אונזער אינטערנעשא־ נאל געפאהרען אין טערע האוט, אין דער היים פון גענאסע יודזשין וו. דעבס, צו באגריסען איהם פערזענליך צו זיין בע־ פרייאונג פון פריזאן. די קאמיטע איז באשטאנען פון אונזער וויס־פרעזידענט ה. סקלמאן און ברודער סטא[illegible], טשערמאן פון דזשאינט באארד פון שיקאגא קלאוקמאכער יוניאן.

אונזער קאמיטע איז אפגעווארט גע־ ווארען ביים סטיישאן פון טעאדאר דעבס, א ברודער פון דעם [illegible], און ער האט די קאמיטע געפירט צו דעם בא־ ליבטען יודזשין וו. דעבס. [illegible] האט אונזער קאמיטע אויפגענומען מיט אפענע ארעמס און מיט גרויס צופרידענהייט.

גענ. דעבס ווייסט, אז אונזער אינ־ טערנעשאנאל איז געווען איינע פון די ערשטע ארגאניזאציעס צו שטיצען די בא־ וועגונג צו באפרייען די פאליטישע ארעסט־ ירטע. די אינטערנעשאנאל האט אויך געשטיצט פינאנציעל די אמנעסטיע בא־ וועגונג. דער אפיס פון די „סענטראל לייבאר באדיס", וואס האט די באוועגונג אנ־ געפיהרט, איז די גאנצע צייט געווען אין א אפיס פון איינעם פון אינזערע לאקא־ לען, אין אפיס פון אונזער ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 17, און לאקאל 17 האט פאר דעם ניין אויך קיינע רענט ניט גע־ נומען. [illegible]

גענ. דעבס ווייסט דאס אלץ און ער האט אויסגעדריקט זיין דאנקבארקייט צו אונ־ זער אינטערנעשאנאל פאר דער הילף.

קלאוקמאכער גענעראל סטרייק קאמיטע אפיציעל אויפגע־ לייזט פון פרעזידענט שלעזינגער

אב. קאהאן, מאריס הילקוויט און טשארלס אוירווין געסט פון דעם מיטינג. — טשערלייט פון אלע קאמיטעס גיבען אב לעצטען באריכט. — קורצע, ווארימע רעדעס אויך געהאלטען פון סעקרעטער באראף, ה. לאנג און ה. פינקעלשטיין.

לעצטען שבת פאר נאכט איז אין סטייוועסאנט קאסינא, אויף דער צווייטער עוועניו, אפגעהאלטען געווארען דער לעצטער מיטינג פון דער גרויסער דזשע־ נעראל סטרייק קאמיטע אין דעם לעצטען היסטארישען קלאוקמאכער סטרייק. אויף דעם מיטינג האט פרעזידענט שלעזינגער אפיציעל אויפגעלייזט דעם אינטערנע־ שאנאל סטרייק דעפארטמענט, וועלכער האט פונקציאנירט 9 וואכען צייט, וואס דער מערקווירדיגער סטרייק האט געדויערט.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז דער מיטינג איז געווען זעהר א יום־טוב'דיגער. די פנים'ער פון אלע פארזאמעלטע האבען איינגעפאקט געלייכטען פון פרייד.

זיצענדיג אין זאל האט דער שרייבער פון די שורות פארגליכען אין געדאנק, ווי אזוי דיזע מענשען האבען זיך געפיהלט מיט א צעהן וואכען צוריק, אויף דעם ער־ שטען מיטינג פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע — דעמאלט, בעת דער פרידלי־ כער דזשאינט באארד איז פארוואנדעלט געווארען אין א גענעראל סטרייק קאמיטע. די אטמאספערע אין האל איז געווען א שווערע. ניט פון איין אויג האט זיך דעמאלט ארויסגעקייקעלט א טרער.

אמת, אלע אויף דעם מיטינג זיינען דאן געווען פעסט אנטשלאסען, אז דער קאמף מוז געוואונען ווערען. דאך אבער האט זיך ניט ווילענדיג אריינגע־ גאפט אין מוח א צווייפעל: „ווער ווייס? — האט מען זיך געטראכט — ווער קאן נאך אלעמען וויסען באשטימט, ווי ס'וועט זיך אויסלאזען?... פאנגט זיך דאך אן אזא ביטערער קאמף!" און די געמיטער זיינען שווער געווען.

אבער ווי אנדערש איז עס געווען פארגאנגענעם שבת אויפ'ן לעצטען מי־ טינג פון דער מערקווירדיגער סטרייק קא־ מיטע. ווי גרינג עס האט זיך געפיהלט און ווי פרעהליך מען איז געווען. אויס מלחמה, ווידער שלום. אויס דזשענעראל סטרייק קאמיטע, ווידער דער דזשאינט באארד. און דער עולם איז אזוי שטאלץ

(שלוס אויף זייט 16)

אונזער עמבראידערערס יוניאן לאקאל 66 האט א זיג אין קאורט

ריכטער וואגנער ענטזאגט זיך ארויסצוגעבען אן אינדזשאנקשאן קעגען דער יוניאן. — די מאנופעקטשורערס — זאגט ער — האבען געבראכען א קאלעקטיווע אגרימענט און קומען אין קאורט נאך אן אינדזשאנקשאן.

מיט א צייט צוריק האבען געוויסע פירמען געקראגען א צייטווייליגען אינ־ דזשאנקשאן געגען אונזער באנא עמברוי־ דערערס יוניאן, לאקאל 66. די פירמען האבען געוואלט רעדוצירען די ווידזשעס פון די ארבייטער און די יוניאן האט גע־ ענטפערט מיט א סטרייק אין יענע שע־ פער. דיזע פירמען האבען דעמאלט זיך געווענדעט אין קאורט נאך אן אינדזשאנק־ שאן און זיי האבען געקראגען, אבער א צייטווייליגען בלויז. זיי האבען זיך אבער מיט דעם ניט באגנוגנט און זיינען גע־ גאנגען אין סופרים קאורט בעטען א בא־ שטענדיגען אינדזשאנקשאן געגען דער יו־ ניאן.

די קייס איז לעצטע וואך פארגעקו־ מען פאר ריכטער וואגנער, דער וועלכער ריכטער, וואס האט ארויסגעגעבען דעם אינדזשאנקשאן געגען דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן. און ניט נאר האט דער ריכטער אנטזאגט די עמברוידערי מאנו־ פעקטשורער א באשטענדיגען אינדזשאנק־ שאן, זאנדערן ער האט נאך מבטל גע־ מאכט דעם צייטווייליגען אינדזשאנקשאן, וואס די מאנופעקטשורער האבען פריהער באקומען.

ביי דער געלעגענהייט האט ריכטער וואגנער ארויסגעזאגט איינינע אינטערע־ סאנטע מיינונגען וועגען „דאס רעכט פון פרידליכען פיקעטען", און דיזע מיינונ־ גען האבען געמאכט א רושם.

מאנכע ריכטער האבען לעצטענס ארויסגעגעבען אורטיילס, אז מעהר ווי איי־

(שלוס אויף זייט 16)

קלאוק מאכער סטרייק אין מאנטרעאל געהט אן

פון אלע גענעראל סטרייקס, וואס מיר האבען לעצטענס געהאט אין דער קלאוק אינדוסטריע, איז נאך פארבליבען איינער, און דאס איז דער סטרייק אין מאנטרעאל, קאנאדע. אויך דארטען האט די יוניאן שוין געמאכט איינינע סעטעלמענטס. א דריי הונדערט קלאוקמאכער אבער זיינען נאך אלץ אין סטרייק.

סעקרעטער באראף איז לעצטע וואך געווען אין מאנטרעאל און אדרעסירט די סטרייקער. ער האט אויך גענומען אנטייל אין מיטינגען מיט דער סטרייק קאמיטע. ווי ברו־ דער באראף גיט אונז איבער, זיינען די סטרייקער אין מאנטרעאל אנטשלאסען צו קעמפען ביז צו א זיג, ווי לאנג דאס זאל נים דארפען געדויערען.

נאטירליך, די סטרייקער נויטיגען זיך אין הילף און אונזער אינטערנעשאנאל טוט דאס בעסטע ווי צו העלפען. אויך די ארבייטער פון די געסעטעלטע שעפער העלפען די סטרייקער מיט וויפיעל זיי קא־ נען.

ברודער באראף האט געבראכט די בעסטע מיינונג פון די סטרייקער אין מאנטרעאל. זיי פארהאלטען זיך אויס־ געצייכענט און זיי וועלען קעמפען ביז זיי וועלען געווינען. דאס, זאגט ער, איז זיי־ ער פעסטער באשלוס.

איינהאלט־פארצייכנים

„גערעכטיגקייט" נומער 4.

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. א פאר ווערטער צו די זיגרייכע קעמפער — ה. ויאנדער.
זייט 3. ריכטער וואגנער'ס „אפיניאן" ביים ארויסגעבען דעם „פערמאנענט" אינ־ דזשאנקשאן געגען די פראטעקטיוו אסא־ סיאיישאן.
זייט 4. טעלעגראמען און באגריסונגען צום זיגרייכען ענד פון גרויסען קלאוקמא־ כער קאמף.
זייט 5. מיטינג פון דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע — מ. ק. מאקאוו.
זייט 6. צוויי מיטינגען פון לאקאל 60 — ם. שעכטער. אין א קליין שטעטל — מרים קארפילאוו.
זייט 7. עדיוקיישאנאל נאטיצען. א בריף פון ארגענטינא — מאקס העלער.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס געשיך ביכעל.
זייט 9. א קליינער גוי מיט א גרויס היטעל (פעליעטאן) — ז. וויהלער.
זייט 10. פארד'ס גליקען — ל. בארארדו־ לין. — קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. דער געדולדער אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע — ג. ב. לינדער.
זייט 12. קורצע שמועסען. — אין גרינוויטש ווילעדזש (געדיכט) — נחום י. אויפרוף פון [illegible] רעליף קאמיטע.
זייט 13, 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. לאקאל 80 האט [illegible] מיט די קאנטראקטארס. [illegible]

וואס טוט זיך יעצט אין קליוולאנד?

פון מ. פערשטיין

דער נייער אגרימענט

נאך דריי מאנאטען אונטערהאנדלונגען האבען מיר דעם ערשטען יאנואר גע־זיינט אן אגרימענט ארער בעסער גע־זאגט, נאך דריי מאנאטען אונטערהאנד־לונגען האבען מיר צוריק באנייט דעם אַ־גרימענט מיט געוויסע איבערענ־דערונגען.

די הויפט פונקטען פון דעם אגרימענט זיינען: 1. א סייענטיפיק סטאנדארד איז אראקשאן, אונטער וועלכען אלע ארבייטער זיינען פארזיכערט ניט צו קריגען ווייניגער ווי דעם מינימום וויידזשעס, און עפערע ארער שנעלערע ארבייטער צו קריגען מעהר, ווי דעם מינימום, לויט זייערע פעהיגקייטען.

2. א גאראנטי פון 41 וואכען אר־בייט אין יאהר. דאס הייסט, יעדער באס דארף אלע וואך איינלייגען 7 און א האלב פראצענט פון זיין פעי־ראל אלס א גאראנ־טי, אז ער וועט די ארבייטער גיבען די געוואנטע 41 וואכען ארבייט. האט דער באס ניט קיין פולע 41 וואכען אר־בייט דאן קריגט דער ארבייטער זיין פי־ווי דריטעל פון זיין מינימום פון דיזען שאפ־פאנד ביז צו די 41 וואכען.

3. קיין מאנופעקטשורער טאר ניט מאכען קיין ארבייט ביי א קאנטראקטאר ארער סאב-מאנופעקטשורער, וועלכער האט ניט קיין יוניאן שאפ, און האט ניט זיין אגרימענט מיט דער יוניאן. מאכט ניט אויס, וואו דער קאנטראקטאר ארער סאב מאנופעקטשורער האט זיין שאפ, אין קליוולאנד, ארער אין די שטעטלאך ארום קליוולאנד.

דיזער פונקט וועגען די קאנטראקטארס ארער סאב מאנופעקטשורערס איז גאנץ וויכטיג מיט דעם, וואס די יוניאן וועט קאנען קאנטראלירען או די זאגענאנטע קארפארעישאן־שעפער זאלען זיך ניט צופלארען אין קליוולאנד, ווי דאס איז דער פאל אין די אנדערע שטעט.

4. די וויידזשעס פארבלייבען דער־ווייל די זעלבע. אין אפריל וועט די פראַ־גע פון וויידז, עס אויפגענומען ווערען פון דער באארד אף ארביטריישאן, און די באארד אף ארביטריישאן וועט דארפען באשליסען וואס די וויידזשעס זאלען זיין פאר די נעקסטע זעקס מאנאטען.

אין אלגעמיין ציינט אויס דער אגרי־מענט צו זיין א גאנץ גוטער אינסטרו־מענט פאר די קאלעקטיווע פארהאנדלונ־גען צווישען דער ארגאניזאציאן פון די ארבייטער — די יוניאן, און די ארגא־ניזאציאן פון די מאנופעקטשורערס — די אסאסיאיישאן. די מעהרסטע מאנופעק־טשורערס זיינען פארבליבען מעמבערס פון דער אסאסיאיישאן. איינציגע מאנו־פעקטשורערס האבען רעזיגנירט פון דער אסאסיאיישאן און גענען ווי מוז די יוני־יאן יעצט אנפיהרען א קאמף.

די רעזיגנירטע מעמבערס פון דער אסאסיאיישאן

פיר מאנופעקטשורערס האבען רעזיג־נירט פון דער אסאסיאיישאן צוליב דעם, וואס זיי האבען מעהר ניט געוואלט הא־בען צו טאן מיט דער יוניאן.

איינער פון דיזע פיר, פיאלק פייער־שטיין, האט נאכהער געסיינט אן אינדי־ווידועלען אגרימענט מיט דער יוניאן. די וויכטיגסטע פון די 3, די לאנדעסמאן הערשהיימער קאמפ., איז פון די גרעסטע און עלטסטע קלאוק פירמען אין לאנד. די פירמע באשעפטיגט אינסייד ביי א צוויי הונדערט ארבייטער, און א הונדערט און פופציג אין די אויטסייד שעפער פון קליוולאנד, וואס ארבייטען פאר דיזער פירמא. אויסער דעם האט די פירמא א צאהל שעפער אין די שטעטלאך ארום קליוולאנד, און דורשאבט א סך ארבייט אין ניו יארק.

אויסער דער פירמא האבען מיר אויך אין סטרייק די בלומפעלד קאמפ., א סקוירט שאפ, וואו עס ארבייטען א 75 ארבייטער, און מעלשאנטץ בראס., א שאפ וואו עס ארבייטען א 40 לייטע.

דער לעצטער שריט פון דער לאנדעס־מאן, הוירשהיימער פירמא איז געווען צו מאכען די ארבייטער סיינען דעם אינדי־ווידועלען סקעב שאפ אגרימענט, און אג־רימענט, געגען וועלכען די מייגערס יוניאן פיהרט דאס אן אזא ביטערען קאמף אין די קויהלען־פעלדער פון וועסט ווירדזשי־ניא. דער ערשטער פלאן, וואו דער דאָ־זיגער אגרימענט האט זיך געציינט אין אונזער טרייד איז טאלידא, וואו אונזערע קלאוקמאכער פיהרען יעצט אן א מערק־ווירדיגען ביטערען און העלדישען קאמף.

דער סטרייק ביי דער לאנדעסמאן פירמא איז ערשט צוויי וואכען אלט און שוין האט די פירמע פארשפרייט א גאנץ פון אויטסייד שעפער אין די שטעטלאך ארום קליוולאנד, וואוהין די יוניאן האט ארויסגעשיקט קאמיטעס און וואו ביטע־רע קאמפען ווערען אנגעפיהרט. אין די לאנדעסמאן שעפער זיינען אבער געשטאנען אין שטיין יעצט אנגעגרייטע עקסטרעמע שטרייקס, אזוי אז שוין שוין זייערע שטרייק־ער, און אין ניו יארק זיינען די ארבייטער פון זייער שאפ נאכגעפאלגט ... די סטרייקערס זיינען אלע באגייסטערט. אונטער אונזערע בע אומשטענדען איז דער רעזולטאט א פארזיכערטער. ענערגיע האבען מיר גע־נוג, געלט וועלען אונזערע מעמבערס גע־בען. שוין יעצט, ווען דער סטרייק איז ערשט צוויי וואכען אלט, ווערט שטארק אגיטירט, אז די ארבייטער וואס ארבי־טען, זאלען ביישטייערן א טייל פון זייערע וויידזשעס אנצופיהרען דעם סטרייק. ווי־נען מיר ענטשלאסען צו צאהלען די סטרייקער בענעפיט, אז ווי זאלען האלטען סטרייקען ווי לאנג עס וועט נאר נייטיג זיין.

* * *

די פארדינסטען פון פרויען און מענער

צו אויסגלייכען די פארדינסטען צווי־שען מאן און פרוי איז איינע פון די העכסטע פארלאנגטע און אנגעוועה־טאנטע פראגען אין דער מאדערנער אינ־דוסטריע אין אלגעמיין. אין קליוולאנד, וואו עס ארבייטען א סך פרויען, איז די פראגע שוין לאנג אויף דעם טאגעס־ארד־נונג. ביז יעצט האבען מיר דא געהאט צוויי סקיילס פון וויידזשעס — א העכע־רען סקייל און א נידריגערען סקייל פאר דער פרוי. ווי איז אבער אז דער מאן און פרוי טוען די זעלבע ארבייט און פראדו־צירען דאס זעלבע? וואס זאל דאן זיין די וויידזשעס פון דער פרוי? פארלאנגען מיר, אז די פרוי זאל קריגען די זעלבע וויידזשעס פאר דער זעלבער ארבייט. דאס הייסט, ווען א פרוי פראדוצירט די זעלבע ארבייט ווי א מאן דארף זי קריגען די זעל־בע וויידזשעס. וואלטען די מאנופעקטשו־רערס וועלען אז דער מאן זאל ארונטער־קומען צו די וויידזשעס פון דער פרוי ארער ער זאל פון מאן אינגאנצען פטור ווערען, דאן וועט די גאנצע פראגע אוועק־פאלען. נו, געוועהנליך, קאנען זיי דאס ניט טאן, ווייל עס איז דא א יוניאן.

* * *

גוטהייסען סטאנדארדס

אין א צאהל שעפער, וואו מען האט נאך ביז איצט געארבייט שטיק ארבייט פאנגט מען אן צו ארבייטען אויף סטאנ־דארדס, און מיר וויינען איצט פארנומען ערוועהלענדיג שאפ קאמיטעס. דעם סטאנדארד אויף א גארמענט שטעלט דער אינזשעניר. די ארבייטער האבען אבער דאס רעכט, אויב זיי געפינען אויס, אז דער סטאנדארד איז ניט קיין ריכטיגער, דעם סטאנדארד צוריקצואווייזען. פאר דיזען צוועק ערוועהלט מען אין יעדער דעפארטמענט פון יעדער שאפ קאמיטעס צו קאנטראלירען די סטאנדארדס. זיי הייסען ביי אונז שאפ קאמיטעס אף סטאנדארדס.

די מיוטשועל אסאסיאיישאן

אויסער דער אסאסיאיישאן פון די גרעסערע מאנופעקטשורערס, האבען מיר דא נאך אן אסאסיאיישאן פון די קלענ־רע מאנופעקטשורערס, וועלכע האבען נאך דעם ווי דער אגרימענט איז מיט דער גרויסער אסאסיאיישאן געסיינט געווא־רען, אנגעפאנגען ריידען גאנץ שטהן און האבען ניט געוואלט צוזאמענקומען זיך וועגען אן אגרימענט. און ווייטער הא־בען זיי מאקי געדענקט צו ווארטען, וואס דער רעזולטאט וועט זיין פון די סטרייקס וואס די יוניאן פיהרט אן. וועלען לאנ־דעסמאן און די אנדערע געווינען געגען דער יוניאן וועלען זיי אויך מאנצען אויף דער התוכה; וועט די יוניאן געווינען, האבען זיי צייט שפעטער צו סיינען דעם אגרימענט. ווען זייערע שפעטער זיינען אבער געארדערט געווארען אין סטרייק, האבען זיי אנגעפאנגען רעדען גאנץ אנ־דערש, און ווי עס ציינט אויס וועט דיזע וואך מיט ווי געסיינט ווערען מיט אנדערע פירמעס.

אלזא, ווי איהר זעהט, זיינען מיר נאך ביז איצט אין קליוולאנד פון אונז זייט די קליוולאנדער פארהאנדלונגען אין איינשטעלען דעם סטאנדארד און ארגא־ניזירען פון דער אנדער זייט די איינ־ציגע סטרייקס, — ניט קיין פאסיווע.

סטרייקס, נאך פון מאנ'ס מלחמה, דער־ווייל ווערען ... אין קליוולאנד ... און שטעט און שטעטלאך ... אין דער מיטן פון דער יוניאן צווא־נגען מיט אונזער ... דער ארבייטער ... די קאמיטעס זיינען אין ... האט שוין מאביליזירט א צאהל שעפער אר־בייטער, און א צאהל ... מען ערשט ... די ... וועט דער יוניאן ... דער ... פון דער ... זיין א ... אונזערע מעמבערס ... אזוי דאס ביסעל ארבייט.

א מיטינג פון קליוולאנד באארד און רעפערס

נאך אנדערע ניייעס אין קליוולאנד פון ... טרייד ... וויים־פרעזידענט פער־לשטיין קומט פאר ... צו ...

רעפעטען ביאנטאג אין דער פרוה איז דא אין ניו יארק פארגעקומען א מיטינג פון דער „באארד אוו רעפעריס" און קליוולאנד, פון וועלכער רושמאן מען איז דער טשערמאן. אונזער וויים־פרע־זידענט מ. פערלשטיין איז ספעציעל גע־קומען פון קליוולאנד צו פארטרעטען די יוניאן פאר דער באארד.

געהאנדעלט האט זיך עס הויפטזעכ־ליך וועגען די וויידזשעס סקיילס פון די קלאוקמאכער אין קליוולאנד.

ערשטענס איז געווען די פראגע, וואס די יוניאן פאדערט, אז די פרויען, וואס זיינען באשעפטיגט אין דער אינדוסטריע זאלען באקומען די זעלבע וויידזשעס־סקיילס ווי די מענער, אויב זיי טוען די זעלבע ארבייט וואס מענער טוען.

צווייטענס האט זיך געהאנדעלט צו העכערען מיט 10 פראצענט דעם דורכ־שניט־פארדינסט פון די ארבייטער.

די באארד אוו רעפעריס האט באשלאסען, דאס אזוי ווי אין מאנאט אפריל וועט אויפגענומען ווערען די פראגע פון וויידזשעס בכלל, זאל מען עס דערווייל בלייבען ביים אלטען, ביז יענער צייט.

נאך ענדיגונג, די פעטיציאר זיינען געבליבען צופרידען און זיינען אנט־שלאסען צו געבען דער פירמע א ויסען רעסען.

אין קליוולאנד הויבען פאר נאך א פאר סטרייקס געגען אנדערע, קלענערע פיר־מען, מאנכע פון וויי פארלאנגען אן אינדי־ווידועלען אגרימענט דער יוניאן. די יוניאן האט אנגעשטעלט די מאנופירסטע קלייען און ביינער, איהר צו פארטיידיגען. לעצ־טע וואך איז שוין געווען אין האוזט א היינגוג, אבער בעת די שורות ווערען גע־שריבען האט דער ריכטער זיין אנטשיי־דונג נאך ניט ארויסגעגעבען.

דעם דינסטאג איז אין קליוולאנד אפ־געהאלטען געווארען א ווייטערער מיטינג פון שאפ טשערמען צוזאמען מיט'ן דזש. באארד פון די לאקאלס.

דער צוועק פון דעם מיטינג איז גע־ווען צו שאפען געגענצד צו צאהלען די סטרייקער בענעפיט, אום צו האלטען אנ־האלטען דעם סטרייק ווי לאנג עס וועט נאר זיין נויטיג. דער פלאן איז, דאס די ארבייטער זאלען געטעקסט ווערען מיט א פראצענט פון זייערע פארדינסטען, אום אויסצוהאלטען דעם סטרייק אין די עטליכע שעפער, וואס די פירמען ווילען ניט האבען צו טאן מיט דער יוניאן. מיר האפען, אז אזא באשלוס וועט פון די אר־בייטער אנגענומען ווערען.

דער סטרייק ביי לאנדעסמאן און הוירשהיימער.

דער סטרייק געגען דער גרויסטער קלאוק פירמע פון קליוולאנד, לאנדעסמאן הוירשהיימער און קא., ווערט געפיהרט ...

א כאר געגרינדעט אין בראנזוויל פון לאקאל 11

עס וועט זיכער פרייען אונזערע אק־טיווע מעמבערס און טוער פון דער יוניאן וואונדערען, ווען זיי וועלען הערען יעצט בארימטען וועגען א כאר, וואס מיר האבען ארגאניזירט אין לאקאל 11. וואס? ווע־לען זיי זיכער טראכטען, חברה האבען אפנים ניט קיין אנדער זאך צו טאן, ווי צו פארנעמען זיך מיט געזאנג, מיט נגינה? האבען זיי שוין פארזארגט ווייע־רע מעמבערס מיט אלעם נויטיגען, אז מעהר ווי געזאנג ליגט זיי ניט אין זינען? צום באדויערען איז שוין ביי אונז אזוי, אז יערע אקטיוויטעט אין דער יוניאן, וואס האט ניט קיין דירעקטע שייכות מיט דעם שאפ און מיט מאכען א לעבען, ווערט ביי אונז פארלאכט און פארטיבעט. דאס אבער שטערט ניט די אויספיהרונג פון פילע ווייטיגע אונטערנעמונגען, און ווער־כע ווינען ערפאלגרייך. ווי צום ביישפיל, אונזער עדוקיישאנאל דעפארטמענט, יו־ניאן העלט סענטער, א. אז. וו. און אזוי ווי אבוואהל די גרינדונג פון א כאר געהט גע־וועליך שריין אין דער פראגראם פון עדיוּ־קיישאנאל דעפארטמענט, איז פונדעסט־וועגן אויסגעפאלען דער גורל אויף אונז, בראנזווילער, צו מאכען דעם אנפאנג פאר אזא אונטערנעמונג. און דער אנפאנג ציינט, וואס פאר א גרויסע פעלד אונזער יוניאן איז פאר פארשיידענע טעטיגקיי־טען. דורך א קליינע אנגאנגע האבען זיך אפגערופען א פאר צענדליג מעמבערס פון אונזער לאקאל, וועלכע האבען פאסענדע שטימען פאר כאר געזאנג, און אין א מיש־פון עטליכע וואכען איז ביי אונז צוזאמענ־געשטעלט געווארען א כאר. די ארבייט ווערט נאטירליך געפירט פון א פעהיגען מוזיק לעהרער. עס איז אונז געלונגען צו קריגען דעם באקאנטען כאר דיריגענט און מוזיק לעהרער, ה' ספעקטאר, וועלכער איז אויך דער כאר דיריגענט ביי דעם באַ־וואוסטען חזן הערשמאנ'ס כאר. ה' ספעק־טאר, וועלכער ניט אויסגעזען זיין במעט אונגעלערטע, איז שטארק פאראינטערעסירט אין דעם ערפאלג פון כאר און ער גיט אוועק זעהר פיל צייט און מיה. דורך דער קורצער צייט, וואס דער כאר עקזיס־טירט, האט מען שוין געזעהן, אז דאס וועט זיין זעהר א וויכטיגע אינסטיטוציע אין אונזער יוניאן. עס איז שוין איצט א פאר־ווענגען ביי־צו־וואוינען א פראבע פון דעם כאר און איהם הערען זינגען. עס פעהלען אונז נאך א ביסעל פרויען שטימען, און מיר ווילען דא ביי דער געלעגענהייט בע־טען די פרויען מעמבערס פון אונזער לאַ־קאל און פון די אנדערע לאקאלען פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע האבען שטימען, זיך צו מעלדען אין אונזער אפיס, אין ליי־באר לייסעאום, און זיך אנשליסען אלס מיטגלידער פון'ם כאר.

מיר האפען אין א גאנץ קורצער צייט זאל אונזער כאר ארויסטרעטען אין דער עפענטליכקייט און דאמאלט וועט די גרוי־סע מעמבערשיפ האבען די געלעגענהייט אליין צו אורטיילען איבער אונזער אר־בייט, און מיר האפען, אז מען וועט אונז ניט קיבעצען, נאר נאכמאן אונזער בייד־שפיל און שאפען אזעלכע אינסטיטוציעס אין אנדערע לאקאלען.

מיט ברידערליכען גרוס,

ת. טשענסאר, סעק. לאק. 11.

יוניטי! יוניטי! יוניטי!

אין דער רוה פון דער יוניטי הויז קאמיטע

די יוניטי הויז קאמיטע האט ארגאנזשירט א יוניטי באל פאר דינסטאג אווענט, פעברואר דעם 21טען, וואשינגטאנ'ס בוירטדעי, אין ניו סטאר קאסינא, 107טע סט. און פארק עוו.

די יוניטי פאמיליע לאדעט איין אלע פריינט פון דער יוניטי הויז בכלל און די מיטגלידער פון דער דרעס און ווייסטמאכער'ס יוניאן בפרט צו דער אונטערנעמונג ביי וועלכער איהר וועט זיך פיין אמוזירען און גוט אונטערהאלטען און אין דערזעלבער צייט העלפען די הונגערליידענדע אין רוסלאנד, מחמת דער גאנצער פראפיט וועט געהן פאר סאוועט רוסלאנד.

טיקעטס קאן מען שוין באקומען אין אלע אפיסעס פון דער יוניאן. דער פרייז פון א טיקעט איז איצט 50 סענט, אין באקס אפיס וועט א טיקעט קאסטען 75 סענט.

לעגט אלץ אוועק און קומט נאך טיקעטס, לעגט אלץ אוועק!

ריכטער וואגנער'ס „אפיניאן" ביים ארויסגעבען דעם „פערמאנענט" אינדזשאנקשאן געגען דער פראטעקטיוו אסס'ן

(שלום)

„נאך דעם אפמאך איז אפוינטעט געווארען די קאמישאן, וואס ווערט פארגעשריבען, צו סעטלען סכסוכים וואס קומען ארויס אין באצוג פון וויינינג פראדוקציע און זי האט געהאנדעלט אין אט די פראגען, וואס זיינען פאר איהר פארגעבראכט פאר דער יוניאן האט עס קלאר געמיינט א געווארען".

„אייב אט דער ארגומענט איז געווען א צוגאב צום אגרימענט פון מאי דעם 19טען, 1919, ארער ער האט יענעם אגרימענט אומגעביטען, וועגען דעם ווערט געשטריטען אין די אפידייוויטס. די באלעבאטים טענה'ען, דאס דער אגרימענט אין דזשון האט פארנומען דעם פלאץ פון דעם פריהערדיגען און איז אליין פארבליבען אין קראפט, און דאס נאכ'ן 1טען נאוועמבער, 1921, ווען ער איז שוין געווען אויסגעגאנגען, זיינען זיי פריי געווען צו האנדלען ווי זיי האבען געוואלט. אבער די יוניאן טענה'עט, דאס ער איז געווען בלויז אן אמענדמענט, בלויז א צוגאב צו דעם אלטען אגרימענט, וואס איז געווען אין קראפט.

„באטראכטענדיג דעם כאראקטער פון די פונקטען אין דעם נייעם אפמאך, דענק איך, אז ער איז נישט געשאפען געווארען צו פארבייטען דעם קאנטראקט פון מאי דעם 19טען, 1919. מען קאן זעהן אז ער איז געשאפען געווארען אויסצוארבייטען א מעטאדע, נאך א פאסענדער אונטערזוכונג, צו קאנטראלירען די פראדוקציע. „צו געפינען וועגען און מיטעל, וואס זאלען פיהרען אויפצוהויבען די פראדוקטיוויטעט פון די ארבייטער", איז געווען זיין איינציג אויסגעשפראכענער צוועק. און פאר דעם צוועק איז אפוינטעט געווארען א קאמיסיע. און דער פאקט איז, דאס די דאזיגע קאמיסיע האט געהאט צו זאגען איבער אויסגלייכען קאמפליינטס נאר אין באצוג פראדוקציע. נאך מעהר, די האנדלונגען פון די פראטעקטיוו אסס'ן שטעלען צו גוטע באווייזען, דאס ביידע, די אסס'ן און די יוניאן, האבען געהאלטען, דאס דער ערשטער אגרימענט האט עקזיסטירט און איז געווען אין פולער קראפט.

„די מאנופעקטשורערס האבען געמאכט קאמפליינטס וועגען „שאפסטרייקס", און זיי האבען עס גערופען אין דער זעלבינער שפראך וואס איז באנוצט געווארען, איידער דער נייער אפמאך איז געמאכט געווארען. אין אזעלכע קאמפליינטס זיינען כסדר געשוען באמערקונגען, וועלכע האבען זיך באצויגען אויף „די פונקטען פון אונזער אגרימענט". ניט האבענדיג אין זיך קיין איין פונקט וועגען סטרייקס, קאן מען נאר אנדערש ניט מיינען, ווי אז די אלע רייד וועגען שאפ-סטרייקס האבען זיך באצויגען אויף דעם ערשטען אגרימענט. די פילע נאכלעבונגען פון דער אסס'ן אין באצוג דעם פונקט 10 פון אגרימענט, וועגען די רעדזשיסטרירונג פון קאנטראקטארס, מאכען נאך שטארקער מיין מיינונג. דאס די פאנאנדערטיילונג פון ווידזשעס וואס די אסס'ן האט אויפגעמאכט פון די באלעבאטים, שוין נאכ'ן דעם דיספיוט, צוזאמען מיט די געשריבענע מעלדונגען צו דער יוניאן, וועגען אויפנעמען נייע מיטגלידער, ביידעס ווערענדיג פארגעשריבען פון דעם ערשטען אגרימענט, ברייננען אונז צום פעסטען שלוס, דאס דער קאלעקטיוו אגרימענט איז נאך אלץ געווען אין קראפט און אזוי איז עס באטראכט געווארען פון ביידע צדדים.

„איצט איז דעריבער נישט נויטיג, פאר דעם צוועק פון דעם „מאושאן" צו ענטשיידען, אויב פריהער פון 3טען דזשון 1921, האט ניט, איין צד אדער דער צווייטער, פארלעצט, אדער געבראכען דעם אגרימענט. אלץ וואס פריהער איז פארגעקומען איז אפגעווישט און פארגעסען געווארען פון ביידען. ווייל נאכדעם זיינען ניט נאר ווידער פארטגעזעצט געווארען די פריהערדיגע באציהונגען לויט דעם אגרימענט, זאנדערען עס איז געשאפען געווארען, כדי די פונקטען פון אגרימענט זאלען בעסער דורכגעפיהרט ווערען.

„דאן ווידער, אויב אין אקטאבער, ווען די אסס'ן האט געגעבען נאטיס אויף א מיטינג פון דער קאמיסיע וואס דער דזשון אגרימענט האט געשאפען, אז זי האט בדעה צוריק איינצופיהרען דעם אלטען סיסטעם פון שטיק-ארבייט, האבען די פארטרעטער פון דער יוניאן, ווי זיי באהויפטען, פראטעסטירט, כאטש די פארטרעטער פון דער אסס'ן לייקענען דאס, קאן עס אלץ נישט האבען קיין געוויכט אויף דער פראגע וואס מיר האבען פאר זיך. נעמליך, וועגען די געזעצליכקייט פון יענעם אגרימענט. דער דזשון אגרימענט איז בלויז געווען א צוגאב צו דעם אגרימענט פון 29טען מאי, 1919, און ער האט די מאכט פון יענעם אגרימענט נישט געקאנט באזייטיגען.

„דעם 25טען אקטאבער, 1921 האט די אסס'ן אנגענומען א רעזאלוציע, וועלכע האט זיך טיילווייז געלעזען:

„עס איז געווארען נויטיג אומצובייטען אין דער אינדוסטריע די סיסטעם פון ארבייט; איינצופיהרען שטיק-ארבייט אנשטאט וואך-ארבייט; צו פארלענגערען די ארבייטס-צייט און אויך רעדוצירען די ווידזשעס פון די ארבייטער, וועלכע וועלען מוזען צוליב זייער פאך, ווייטער פארבלייבען ארבייטען פון וואך."

אין דער רעזאלוציע איז אויך געזאגט געווארען:

„און כדי אריינצוברענגען אין קראפט די אומענדערונגען אין די סטענדארדס פון דער אינדוסטריע, זאל ארויסגעגעבען ווערען א באפעל וואס זאל פארפליכטען יעדען מיטגליד פון דער אסאסיאיישאן, דאס פון מאנטאג אן, נאוועמבער דעם 14טען, 1921, זאל יעדער מיטגליד באטרייבען זיין שאפ אויף א סיסטעם פון שטיק-ארבייט, און אויף דעם סקייל אף ווידזשעס און די ארבייטס-צייט, וואס איז עטאבלירט געווארען פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע".

„די רעזאלוציע פון דער אסאסיאיישאן איז יענעם דאטום אריין אין קראפט און ווערט זייט דעמאלט אויסגעפאלגט פון די מיטגלידער פון דער דעמאלטער אסאסיאיישאן.

„די יוניאן האט זיך אנטזאגט אנצונעמען די נייע ארבייטס סיסטעם, וואס די באלעבאטים האבען עטאבלירט, אין פארלעצונג צום קאלעקטיוון אגרימענט, און דער רעזולטאט איז דאס, וואס איז באקאנט אלס דער „גארמענט סטרייק".

„און אזוי נאך, פון די פילע אפידייוויטס, וואס זיינען צוגעשטעלט געווארען פון ביידע זייטען, מיט באשטרייטונגען און מיט מאנכע קאנפליקטען אין באצוג די פאקטען, זעהט זיך שוין ארויס א סך באווייזען צו גונסטען דער יוניאן, פעסטשטעלענדיג איהר רעכט צו דער פארלייכטערונג וואס זי זוכט.

„דער פארלאנג איז אפשר ניי, עס איז אבער ניי בלויז אין באצוג דעם וואס עס איז צום ערשטען מאל וואס אן ארבייטער ארגאניזאציע זוכט אפצוהאלטען די ארגאניזאציע פון זייערע באלעבאטים פון פארלעצען און אפברעכען אן אגרימענט.

„עס איז אפילו פארשטענדליך, אבער דאך דארף מען עס מאנכעס מאל באטאנען, דאס די טירען פון געריכט זיינען אפען, גלייך, פאר די ארבייטער און די באסעס. די קאורטס זיינען דא צו פארטיידיגען דאס געזעצליכע רעכט פון אלע. פריהער האבען נאר די באלעבאטים אליין געזוכט אין קאורט פראטעקציע געגען שאדען אומגעזעצליך פאראורזאכט דורך די ארבייטער.

„אבער געגענזייטיגע פארפליכטונגען רופען ארויס א געגענזייטיגע פארנטיגונג. דער פאקט, וואס די ארבייטער זוכען באטראכטען א נייעם וועג צו זוכען גערעכטיגקייט, א וועג וואס קיינער האט נאך פריהער ניט באטראכטען, מאכט ניט קלענער זייער רעכט צו אן אנטשיידונג פון געזעץ.

„פרעצעדענטס זיינען ניט דאס איינציגע, וואס דארף שפילען א ראלע ביים אנטשיידען אזעלכע דיספיוטס, ווייל פילע פון זיי ווערען אויסגעלעבט, ווייל פילע פון צייט, און ווערען נוצלאז דורך די מעהר אויפקלערענדע און מענשליכערע באגריפען פון סאציאלער גערעכטיגקייט. דער פראגרעסיווער סענטימענט פון פארשריט און ציוויליזאציע, וועלכער האט געצוואונגען לעגיסלאטיווע אקציע צו פארריכטען און אויסבעסערען די צושטענדע, וואס קאנען ניט מעהר טאלערירט ווערען, מיט א ריכטיגען געפיהל פאר מענשליכקייט, קאן ניט מעהר איגנארירט ווערען פון די קאורטס. אונזערע אנטשיידונגען דארפען זיין אין הארמאניע מיט אט דער מאדערנער אויפפאסונג און ניט געגען דעם. מאנכע אורטיילען וואס זיינען ארויסגעגעבען געווארען אין אזעלכע דיספיוטס האבען, שיינט מיר, געוויזען א ניט ריכטיגע פארשטענדיגונג פון די שוועריקייטען וואס די ארבייטער האבען דורכצומאכען אין זייער גערעכטען קאמף פאר בעסערע לעבענס באדינגונגען.

„זייענדיג איבערצייגט פון די באווייזען, וואס איך האב נאכגעזוכט, דאס דער קאנטראקט מיט זיינע מאדיפיצירונגען איז געווען אין קראפט דעם 25טען אקטאבער, 1921, האט די רעזאלוציע, וואס איז אנגענומען געווארען פון דער אנגעקלאגטער אסאסיאיישאן יענעם טאג געבראכען דעם דערמאנטען קאנטראקט. נאך מעהר, אט דער באשלוס פון ברעכען דעם קאנטראקט איז דורכגעפיהרט געווארען. דעם באשטימטען טאג (דעם 14טען נאוועמבער, 1921) האבען די מיטגלידער פון דער אסאסיאיישאן ווידער איינגעפירט שטיק ארבייט אין זייערע פעקטארים.

די מיטגלידער פון דער אנגעקלאגטער אסאסיאיישאן זיינען, דורך זייערע באלאס געזיען געצוואונגען אויפצופיהרען, וואס די אסאסיאיישאן האט זיי געהייסען. טאקע דאס הייסט אפצוהאלטען פון זיך די געזעצליכע פארפליכטונגען און דאס איז א קאנספיראציע".

(ריכטער וואגנער ציטירט דא א גאנצע רייהע פון אזעלכע פראצעסען, כעהר ניט וואס דארטען איז עס געווען פארקערט, דארטען האבען די באלעבאטים געקלאגט די יוניאנס און ער ווייזט אן, ווי יענע ריכטער האבען געפסק'ענט. באזונדערס שטעלט ער זיך אן ביי דער באוואוסטער קייס פון די „היטשמאן קאל און קאק קאמפאני", און אנווייזענדיג די אלע פרעצעדענטען, זאגט ער ווייטער):

„דאס איז ניט דאס ערשטע מאל, וואס מען גיט ארויס אן אינדזשאנקשאן אויף אזוינע קלאגען. די איינציגע נייעס באשטעהט אין דעם, וואס אין דעם פאל זיינען דאס די ארבייטער, וואס פאדערען דעם אינדזשאנקשאן. זיי זיינען אבער בארעכטיגט צו פאדערען, אז די קאורטס זאלען ניט דערלאזען מען זאל פארלעצען זייערע רעכטע, פונקט ווי די באסעס.

„צו פארפירען לאנגע טרייאלס אין קאורט וואלט געווען אוממעגליך. ביז וואננען דער טרייאל וואלט פארגעקומען, וואלט דערווייל דער אגרימענט אויסגעגאנגען און די ארבייטער וואלטען פון דעם א סך פארלארען. דאס ברעכען פון אגרימענט האט פאראורזאכט שאדען צו איבער 40,000 ארבייטער און איבער 300 מעמבערס פון דער אנגעקלאגטער אסאסיאיישאן.

(און נעמענדיג דאס אלץ אין באטראכט גיט דער ריכטער ארויס זיין אנטשיידונג אין פאלגענדע ווערטער):

„עס ווערט באוויליגט דער פארשלאג, וועלכער פארווערט די אנגעקלאגטע מאנופעקטשורער ארער זייערע אגענטען, ארער זייערע דינער, ארער זייערע לאיערס, און יעדען איינציגען באזונדער פון צו פאראייניגען זיך און קאנספירירען אויף אירגענד וועלכען אופן צו באפעלען צו דירעקטירען, אויפצורייצען, צו ראטען ארער צו ערמוטיגען די מעמבערס פון דער „קלאוק, סוט ענד סקירט מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסאסיאיישאן" אויפצוהערען צו אויספיהרען ארער צו פארנאכלעסיגען די אגרימענטס פון מאי, 1919, און פון דעם 3טען יוני, 1921, וועלכע זיינען געשלאסען געווארען צווישען דער קלאוק, סוט און סקירט מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסאסיאיישאן און דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן און דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק.

„עס איז פארבאטען די אנגעקלאגטע מסכים צו זיין ארער צו אונטערשטיצען אירגענד וועלכע האנדלונג, וואס וועט העלפען אזא קאנספיראציע; עס איז פארבאטען צו ראטען, צו העלפען, צו ערמוטיגען אירגענד וועמען פון דער „פראטעקטיוו" צו ברעכען ארער ניט צו פאלגען אירגענד א פאראגראף פון די אגרימענטס, צו פארלענגערען די שטונדען פון ארבייט איבער 44, ארער איינצופיהרען שטיק-ארבייט.

„עס איז פארווערט צו שטערען אירגענד וועלכע מעמבערס פון דער „פראטעקטיוו" אין אירגענד וועלכען פארזוך צו אפברעכען דעם וואך-ארבייט קאנטראקט וואס אנבאלאנגט דער סיסטעם פון וואך-ארבייט, ארער פארהינדערען די ארבייטס-שטונדען, דורך געלט, דורך בייטראג, ארער דורך אירגענד וועלכען אופן.

„עס איז פארבאטען אויסצושליסען פון מיטגלידשאפט פון דער „פראטעקטיוו" באשטראפען ארער דיסציפלינירען אירגענד וועלכע מעמבערס פון דער „פראטעקטיוו", וועלכע וואלטען קומען צו אן איינפארשטענדניס מיט דער „אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן" ארער מיט דער דזשאינט באארד, אויפצוהאלטען די ארבייט לויט די צוויי אגרימענטס פון 1919 און 1921.

„עס איז פארווערט די מעמבערס פון דער „פראטעקטיוו" אנצופאנגען ארבייטען אין זייערע פעקטארים אויף אנדערע באדינגונגען, ווי די, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען אין די אגרימענטס.

„עס איז זיי פארווערט צו העלפען דער פארשווערונג דורך רעדען, דורך שרייבען, ארער דורך אירגענד אן אנדערע מיטעל, און פון נעמען אירגענד וועלכע שריט צו ברענגען אין קראפט די רעזאלוציע, וואס די פראטעקטיוו האט אנגענומען דעם 25טען אקטאבער, 1921.

„עס איז זיי ווייטער פארווערט צו האנדלען אויף אירגענד וועלכען ארט, צו דורכפיהרען יענע רעזאלוציע, ארער אנגענעמען אן אנדער רעזאלוציע, וואס זאל זיין ענהליך צו דער. זיי ווערען אויפגעפאדערט די רעזאלוציע אפצוברעכען און עס ווערט זיי פארווערט צו האנדלען פאראייניגט (און אויך באזונדער) אויף אירגענד וועלכען אופן, וואס זאל פארלעצען דעם אגרימענט פון 29טען מאי 1919 ארער אירגענד וועלכען פונקט, וואס דער קאנטראקט שרייבט פאר.

ראבערט וואגנער.

באדאנקען דעם טשערמאן פון קלינטאן האל

דער מיטינג פון אלע שאפ-טשערליים פון קלינטאן האל, דינסטאג, דעם 17טען יאנואר, 1922, האט באשלאסען אויסצודריקען א דאנק צום האל-טשערמאן, בר. היינס, און זיין אסיסטענט, יוסף גאלדבלאט.

מיר דאנקען זיי פאר דער ארבייט צו העלפען אונז געווינען דעם סטרייק און מיר ווינשען זיי ערפאלג אין זייער ארבייט פאר דער באוועגונג אין דער צוקונפט.

די קאמיטע:
מאקס קירשענבוים,
דזשאזעף הייקין,
דזשייקאב ווייגשטיין,
דייוו מייזעלמאן,
סעם בלום,
אלעקס אייזענבערג,
מאקס פראנקענבערג.

באדאנקען די טשערליים פון סטייוועסענט קאסינא.

מיר, די טשערליים פון סטייוועסאנט קאסינא, פארזאמעלט ביי א גוט באזוכטען מיטינג, דריקען אויס אונזער פולסטען דאנק און אנערקענונג צו אונזערע האל-טשערלייט, ברודער סטודענט און ברודער סטאנקעוויטש, מיט זייער סטעף, וועלכע זיינען געשטאנען מיט אונז און געהאלפען ברענגען דעם סטרייק צו א זיג. מיר באדאנקען זיי פון גאנצען הארצען פאר זייער גוטער ארבייט.

די קאמיטע:
איזי שולמאן,
סעם פרידמאן,
דשייק בלום,
סעם הורשטעט.

קלוגע ווירטהינס

האלטען אימער אין הויז א באקס

עקס-לאקס!

דאס רעגולירט די מאגענס פון דער גאנצער פאמיליע

און פארשפארט זיי דאקטאר בילס.

10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

די וואך

פון מאקס ד. דעניש.

מען דאמפייעט דאס לאנד פון די פארמערס.

מיר הערען די טעג נאך א מאל וועגען דעם „פארמער בלאק" אין קאנגרעס. נא־טירליך דערצעהלען אונז די צייטונגען פון דער איסט, אז די פארמער ארגאניזא־ציעס און האנדעלסליים און סענאטארען, וואס קומען פון די אגריקולטורעלע שטא־טען אין דער מיטעל וועסט און אין דער וועסט, פירען זיך אויף ווי אמת'ע „רוי־טע", רחמנא ליצלן.

און איצט קומט פרעזידענט הארדינג און האלט א שטייגענע מוסר־דרשה פאר דער נאציאנאלער אגריקולטורעלער קאנ־פערענץ, וואס ווערט איצט אפגעהאלטען אין וואשינגטאן. ווי זיין שטייגער איז, האט הארדינג באשאנקען די פארזאמעל־טע מיט א גיטער אויסגעדראשענע פרא־זען און האט פאר זיי א פאר מאל אנט־דעקט אמעריקע, דערצעהלענדיג זיי, צום ביישפיל, אז אגריקולטור איז נויטיג פאר דער עקזיסטענץ פון לאנד, און דאן האט ער געווארנט „רייבען א מארדע" דעם „פארמער בלאק" אין קאנגרעס. די פאר־מערס פראבלעמען, האט ער זיך געבוי־ערט, זיינען ניט קיין קלאס אנגעלעגענ־הייט, ווי זיינען אלגעמיינע קאפ־ווייטאג, אזוי צו זאגען, און די פארמערס האבען קיין רעכט ניט צו ארגאניזירען זיך אלס א קלאס און קעמפען בלויז פאר זיך.

פארלאזט מען די אטמאספערע פון פרעזען און מען קערט זיך אום צו דער ווירקליכקייט, געפינט מען אויס אט וואס: די מורא'דיג הויכע פרייזען פון פארם פראדוקטען בעת דער מלחמה זיינען פאר די לעצטע פאר יאהר מורא'דיג געפאלען, אויף נאנט צו 57 פראצענט, וואס דאס מיינט, אז דאס וואס דער פארמער פלעגט פריהער פארקויפען פאר א דאלער, איז ער איצט געצוואונגען צו פארקויפען פאר 25 סענט. וואלט נאך געווען א האלבע צרה, ווען אלע אנדערע זאכען, אין וואס דער פארמער נויטיגט זיך, וואלטען געפאלען אין פרייז אין דער זעלבער פראפארציע. איז עס אבער ניט אזוי. פאר מאטעריא־לען און באן פראכט קומט דעם פארמער אויס צו צאהלען כמעט די זעלבע הויכע פרייזען ווי אין די פעטע יאהרען. באן פראכט קאסט מיט 50 פראצענט מעהר, ווי פאר דער מלחמה, קוילען קאסט צוויי מאל אזוי פיל ווי פאר דער מלחמה, און אנדערע נויטיגע פראדוקטען זיינען געשטי־גען — וועלכע 50 פראצענט און וועלכע 160 פראצענט.

די לאגע אין די פארם געגענדען איז געווארען א פארצווייפעלטע און די פאר־מערס האבען גענומען פאדערען מען זאל פארקלענערען די באן פראכטען און רעדו־צירען די פרייזען אויף אינדוסטריעלע סחורות. כדי די דאזיגע זאכען צו דער־גרייכען, האט זיך אין קאנגרעס ארגאני־זירט דער אזוי גערופענער „פארמער בלאק", ד. ה. א גרופע פארמערישע קאנ־גרעסלייט און סענאטארען, וועלכע הא־בען פארלאזען זייערע באטרעפענדע פאר־טייען און האנדלען אין קאנגרעס ניט ווי רעפובליקאנער אדער דעמאקראטען, נאר ווי פארמערס פארשטעהער.

ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז די פאר־מער וועלען זיך דערשלאגען אין קאנ־גרעס צו גינסטיגע געזעצען. ווי האבען די מאכט דאס צו טאן, ווי האלטען די בייטש איבער ביידע פארטייען, מעג דער פרעזי־דענט ווי מוסר'ן ווי שטרענג ער וויל נאר. אינטערעסאנט און אמוזירענד איז דאס, וואס די פארשטעהער פון אינדוסטריעלען קאפיטאל גוואלדעווען, אז דער אגריקול־טורעלער בלאק איז אן אוממאראלישע זאך. א וואל סטריט בלאק, אן אייזענ־באן בלאק, א שטאל טראסט בלאק — דאס יא, אבער א פארמער בלאק? גוואלד, די קאונטרי איז אין געפאהר!

די לאגע אין דער קוילען אינדוסטריע.

הוואווער דענקט, אז א סטרייק פון די קויל מיינערס, וואס פראדוצירען „ווייכע" קוילען (דער סארט וואס ווערט געברויכט אין פאבריקען און אייזענבאנען) איז כמעט ווי אומפארמיידליך. אין א חודש ארום געהט אויס דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און די קויל מאגנאטען, און עס זעהט אויס, אז זיי וועלען זיך ניט קאנ־נען אייניגען אויף א נייעם ווירדזש סקייל. די מיינערס ווילען ניט האבען קיין קלע־נערע שכירות און די אייגענטימער ווילען ניט הערען פון אנהאלטען די איצטיגע סקייל.

און אין די פעלדער, וואו מען גראבט הארטע קוילען (פון דעם מין, וואס מען באנוצט אין די היימען) איז די לאגע אויך א האר ניט בעסער. 145 טויזענט מיי־נערס וואס גראבען אנטראציט (הארטע) קוילען אין דער פענסילווייניא געגענט, האבען געשטימט ארויסגעהן אין סטרייק, אויב ביז'ן 1טען אפריל וועט ניט געשלא־סען ווערען קיין צופרידענשטעלענדער אגרימענט וועגען שכירות. דער דאזיגער אולטימאטום איז ארויסגעגעבען געווארען אויף דער קאנווענשאן פון די מיינערס אין שאמאקין, פענסילווייניא, נאכדעם ווי די דעלעגאטען האבען איינשטימיג בא־שלאסען צו פאדערען א העכערונג אין שכירות אויף 20 פראצענט, א מינימום פון 8 דאלער און 20 סענט א טאג, פולע אנערקענונג פון דער יוניאן און העכערע באצאהלונג פאר אווערטאים.

די מיינערס האבען זיך ניט צוגעגרייט פאר דעם קומענדען קריזיס, סיי אין זין פון ארגאניזאציע און סיי אין זין פון פאקטען, ציפערען און ארגומענטען. אפילו די „ניו יארק טיימס" גיט צו, אז זייערע טענות זיינען ערנסט און איבערצייגענד. און אין דער אמת'ן: ווייכע קוילען, וואס מען פארקויפט ביי די מיינס אין פענסיל־ווייניא פאר 1.75 א טאן, קאסטען דעם קאנסומער אין פילאדעלפיא 14.75 דאלער. און דאס זעלבע מיט הארטע קוילען: 4.20 דאלער א טאן ביי דער מיין, און 12 דאלער אין שטאדט. און די מיינערס פרעגען: „ווער קריגט דאס איבעריגע?" נאך דעם ווי מען רעכענט ארבייטער פראכט און אנדערע נויטיגע קאסטען, בלייבט נאך אלץ איבער 10 דא־לער אויף א טאן פראפיט. ווער קריגט דאס?

ווען דער סטרייק וועט אויסברעכען און די קויל מאגנאטען צוזאמען מיט זיי־ערע שותפים, די באנקירען און אייזענבאן מאגנאטען, וועלען טענה'ן, אז ווי זיינען ארים געבאך און מ'וועט שפארען אויף דעם חשבון פון שכירות, וועלען די מיינערס פרעגען די זעלבע קשיא: ווער קריגט דאס איבעריגע? וואוהין קומען אריין די 10 דאלער פראפיט אויף יעדען טאן קוילען?

אמעריקא און גענואא קאנ־פערענץ

דערווייל ווייסט מען נאך ניט צי אמעריקא וועט פאהרען צו דער גענוא קאנ־פערענץ צי ניט. איין זאך אבער איז זיכער: אז אויב אמעריקא וועט ניט נעמען קיין אנטייל, וועט די איראפעאישע עקאנאמישע קאנ־פערענץ אין גענוא זיין א דורכפאל. אהן אמעריקא וועט עס זיין אוממעגליך ווידער איינצושטעלען א שטאנדהאפטיגע סיס־טעם פון אויסטויש, א שטאנדהאפטיגע אינטערנאציאנאלע בירזשע. דאס פאפי־רענע געלט, וואס האט לעצטענס פאר־פלייצט איראפא קאן ניט צוריק קריגען די ממשות און דאס ווערט פון געלט, סיי־דען אמעריקא וועט קומען צו הילף. און אויב אמעריקא וועט דאס ניט טאן, וועט זי זיין די ערשטע צו ליידען דערפון, ווייל [illegible] ווייטער ניט קאנען עק־ספארטירען קיין סחורות נאך איראפא און איהרע פאבריקען וועלען אויף ווייטער מוזען שטעהן ליידיג.

דער פינאנציעלער כאאס, וועלכער הערשט איצט אין איראפא, די ווערטלא־זיגקייט פון די איראפעאישע געלט פא־פירלאך ווערט נאך ערגער און געפערלי־כער צוליב דער ניט געלייזטער פראגע וועגען דער דייטשער קאנטריבוציע, צו־ליב די גרויסע שטענדיגע ארמייען און די אלץ שטייגענדע חובות. אויב פראנקרייך וועט געהן צו דער גענוא קאנפערענץ, וועט דאס זיין מיט'ן צוועק צו סאבאטא־זשעווען די קאנפערענץ, ווייל איהר ער־שטע באדינגונג איז, אז די פריהערדיגע אפמאכען, ד. ה. דער ווערסאילער אפמאך וועגען דייטשלאנד, זאלען אויף דער קאנ־פערענץ אפילו ניט דיסקוטירט ווערען. און אזוי ווי די פראגע וועגען דער דייט־שער קאנטריבוציע רירט אן דעם סאמע עצם פון דער איראפעאישער עקאנאמי־שער לאגע, איז עס ניט מעהר ווי אומזין צו פרואווען איינארדנען די לאגע ניט בא־רירענדיג די פראגע פון דער דייטשער קאנטריבוציע.

דאס איינציגע לאנד, וואס קאן ווי־קען אויף פראנקרייך, אז זי זאל ניט האנ־דלען ווי א צעיושעטער משוגע'נער, דאס איז אמעריקא. מעגליך, אז דאס איז גע־ווען ניט העפליך פון א דיפלאמאטישען שטאנדפונקט, אבער א וויכטיגע און אינ־טערעסאנטע פראגע איז דאס געווען, וואס סענאטאר מעקארמיק האט אויפגע־שטעלט אין סענאט. ער האט געוואלט וויסען, פאר וואס פראנקרייך צאהלט ניט איהר חוב צו אמעריקא בעת זי גיט אויס הונדערטער מיליאנען אויף מיליטערישע צוועקען. אזא פראגע, ווען זי וואלט גע־שטעלט געווארען פון סענאט אלס א גאנ־צען, וואלט זיכער אויסגעניכטערט די מי־ליטערישע באנדע, וואס הערשט אין פא־ריז. ווען מען זאל די זעלבע פראגע שטעלען אויף דער גענוא קאנפערענץ און ווען מען זאל מאקע פאדערען אן ענט־פער, וואלטען די פראנצויזישע [illegible] מען א ביסעל געקומען צו זיך און ס'וואלט מעגליך געווען אנצוהויבען איינצופירען א טאריס אין דעם עקאנאמישען כאאס פון איראפע. אין דעם דאזיגען זין קאן מלוכות צוזאמען, ווייל אמעריקא איז דער הויפט קרעדיטאר פון פראנקרייך. אבער צי אמעריקא וועט דאס טאן, איז צוויי־פעלהאפט. פון דער איצטיגער אדמיניס־טראציע קאן מען קוים ערווארטען פאר־גינסטיגע פראקטישע שריט.

ווי אזוי לענדלארדס „פארקויפען" הייזער.

געוויס האבען מיר דאס אלעס גע־וואוסט. ווער האט עס געצווייפעלט, אז די משוגע'נע רענט פרייזען אין ניו יארק און אין אנדערע שטעדט זיינען געווען א רעזולטאט פון קאנספיראציעס מצד די רעל עסטייטניקעס? ווער האט עס ניט פארשטאנען, אז די לענדלארדס האבען געפראוועט אלערליי פולע שטיק כדי צו קאנען העכערען די רענטס?

דאך, ווען מען הערט די געשיכטע טא־קע פון הויז שינדערישע ריעל עסטייט־ניקעס נפשא, קלינגט זי נאך מעהר „אינטע־רעסאנט". אויף דעם פארהער פאר דער לאקוואוד קאמיטע אין ניו יארק האבען לענדלארדס דערצעהלט, ווי אזוי [illegible] נאך בלאקס הייזער און קרעמען ווערען כלומרשט פארקויפט אלע מאנאט, כדי צו קריגען א [illegible] די „קויפער" און די „פארקויפער" זיינען געווען איינע און די זעלביגע פערזאנען, וואס האבען זיך באהאלטען אונטער די נעמען פון ספעציעל באשאפענע קאמפא־ניעס. די זעלבע באנדע הויז שינדער האט געטאן ביזנעס אונטער פארשיידענע פירמע־נעמען און האט „געקויפט" און „פארקויפט" צו זיך אליין און האט ביי־[illegible] „ריעל" געהעכערט די רענט.

ווירקליך, ס'איז א שפאנענדע געשיכ־טע, אזא וואס מיר האבען שוין לאנג ניט געהערט זינט מיר האבען אויפגעהערט צו לייענען די קינדערשע ביכלאך, וואו עס ווערט באשריבען די העלדענטאטען פון בארימטע רויבער און פיראטען. פון היינט אן און ווייטער דארף דער העלד פון א רויבער־מעשה זיין ניט קיין פאר־ברעכער מיט מעסער און ביקס, נאר א ניו יארקער ריעל עסטייטניק מיט א צי־לינדער הוט. די אלטמאדישע רויבער דארפען ביי איהם ווירקליך [illegible] הייצען.

וואס פאר א רפואה מען וועט אנווענ־דען, [illegible] וועט מען זעהן. דערווייל איז דער עולם אויפגעבראכט, מען טופעט מיט די פיס, מ'איז שטארק אין כעס אויף די לענדלארדס־באנדיטען און מען פאדערט איבעראל, אז די אלבאניער „רענט געזע־צען" זאלען פארבלייבען אין קראפט אויף נאך א יאהר.

מיר זיינען ניט געניגט צו גלויבען אין דער פראקטישקייט פון אונטערמיי־ער'ס פלאן צו בויען נייע הייזער פאר 45 טויזענט פאמיליען און צו פארדינגען זיי פאר וועלכע 9 דאלער א צימער. אונטער־מייער שלאגט פאר, אז מען זאל ענדערען דעם אינשורענס געזעץ אזוי, אז די אינ־שורענס קאמפאניעס זאלען מעגען אריינ־לייגען א געוויסען פראצענט פון זייער קא־פיטאל אין טענעמענט הייזער, און אויף אזא אופן וועט מען קאנען קריגען די 100 מיליאן דאלער, וואס זיינען נויטיג כדי צו דורכפירען זיין פלאן.

איז ערשט א פראגע צי די אינשורענס קאמפאניעס וועלען זיך איילען צו אינ־וועסטען אין הייזער צוליב קליינע פראפי־טען. און אויב זיי זאלען שוין יא דאס וועלען טאן, בלייבט נאך איבער דער טראסט אדער טראסטס, וואס קאנטראלי־רען די בוי מאטעריאלען. אמת, מ'האט די טראסטס א שטיקעל ביסעל דאקוטשעט פאר די לעצטע צוויי יאהר, טאקע א דאנק די באמיהונגען פון מר. אונטערמייער. מ'האט זאגאר איינינע פון די טראסט מא־כער פארשיקט אין טורמע אויף קורצע אדער לענגערע טערמינען. אבער די פריי־זען אויף בוי מאטעריאלען זיינען ניט פיל געפאלען. און אזוי לאנג ווי די פרייזען אויף די הויפט מאטעריאלען פארבלייבען הויך, וועט עס קוים זיין מעגליך צו בוי־ען הייזער פאר ביליג און די צו פארדינגען פאר ביליג, אפילו ווען עס זאל זיין די קאפיטאל און דער גוטער ווילען דערצו.

א פאר ווערטער צו די זינדרייכע סטמפער

פון ח. זאנדער.

דער דזשענעראל סטרייק איז פאראי־בער. און געענדיגט האט ער זיך מיט א פאלשטענדיגען זיג פאר דער יוניאן. פון אלע גוטע חלומות, פון וועלכע אונזערע בעלי בתים האבען זיך געחלומ'ט, ווען האבען אנגענומען די בארימטע רעוואלו־ציע, וואס האט אריינגעווארפען פופציג טויזענט קלאוק און סקוירט מאכער אין א קאמף, האט זיך אויסגעלאזט טאקע ניט מעהר ווי א חלום! אונזערע בעלי מלאכות, א דאנק זייער אנטשלאסענהייט און אי־בערגעבענהייט צו זיך אליין און צו זייער יוניאן, האבען זיך אומגעקערט צוריק אין די שעפער אויף אלע אלטע באדינגונגען, וואס די יוניאן האט פאר זיי אויסגע־קעמפט אין א משך פון יאהרען. קיין זאך איז פון זיי ניט אוועקגענומען געווארען.

דער זיג איז נאך גרעסער און באדיי־טונגספולער, ווען מען נעמט אין אכט־ראכט די אומשטענדען אונטער וועלכע עס איז אויסגעקומען דעם קאמף דורכצו־האבען, די ספעציעלע שלעכטע אומשטענ־דען, וועלכע האבען געהערשט אין אונזער אינדוסטריע בעפאר דעם סטרייק, און די אלגעמיינע רעאקציע, וואס הערשט יעצט אין לאנד געגען יוניאנס אין אלגעמיין. ווען מען נעמט דאס אלעס אין באטראכט, קאן מען ערשט ריכטיג אפשעצען דעם זיג וואס מיר האבען געהאט.

איך גראטוליר די בראווע קעמפער מיט אונזער זיג! איך גראטוליר אונזע־רע פירער פון דעם גרויסען סטרייק פאר זייער טאקטישקייט און אויסגעהאלטענ־קייט פון אנפאנג ביז צום סוף. און אויב דאס וועט שוין זיין דער לעצטער סטרייק אין אונזער אינדוסטריע אדער ניט, — איין זאך איז אבער זיכער, און דאס איז, אז אונזערע באלעבאטים וועלען זיך שוין איצט מעהר ווי איין מאל איבערלעגען, בעפאר זיי וועלען נאך אמאל ארויסצווינ־גען א קאמף אויף דער יוניאן.

און יעצט, ווען מיר ווערען אלע אויס קריגס פירער און יעדער קערט זיך אום צוריק צו אטענדען צו די פרידליכע ביז־נעס, טארען מיר ניט פארגעסען איין וויכ־טיגען פונקט. עס איז אמת, אז עס איז אונזערע באלעבאטים ניט געלונגען אונ־צופירען וואס זיי האבען געוואלט און ווייט ווי ארונטערדריקען די קאנדישאנס פון די ארבייטער. עס איז זיי אבער יא געלונגען אויסצולייזען דער יוניאנס טרעזשורי וואס דאס מיינט זעהר פיל אין צייט פון קאמף. און יעצט, ווען אונזערע מיטגלידער קערען זיך אום צוריק זיגרייך אין די שעפער אויף די אלטע קאנדישאנס, מוז מען זעהן, אז דער יוניאנס טרעזשורי זאל צוריק אנגעפילט ווערען. און עס איז ביי מיר גיטא דער מינדסטער צווייפעל, אז די טרעזשורי פון דער יוניאן וועט צו־ריק אנגעפילט ווערען בעפאר דער סיזאן וועט זיין פאראיבער. מען דארף נאר צו־טרעטען ענערגיש צו דער ארבייט, און א צוויי מיליאן דאלער פאנד וועט געשאפען ווערען. זאלען אונזערע באלעבאטים ווי־סען, אז ניט נאר האבען מיר די באגייס־טערונג, דעם אויסדויער און די סאלידא־ריטעט וואס איז זעהר נויטיג אין א קאמף, נאר אז מיר האבען אויך א גרויסע טרעזשורי אויפצוהאלטען אונזערע סאל־דאטען און זיי וועלען זיין מעהר פארזיכ־טיג ניט אנצופאנגען מיט אונז נאך א מלחמה.

פרעזענטירען דעם שאפ־טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון עס. אין עס. צוקער, 32 איסט 31טע סט., פרעזענטי־רען אונזער שאפ־טשערמאן מיט א דאי־מאנד רינג פאר זיין גוטער ארבייט, וואס ער האט אויפגעטאן אין דער צייט פון סטרייק, און מיר האפען, דאס ער וועט זיין גוטע ארבייט טאן אויך ווייטער.

די קאמיטע:

נייטהען צוקער, לאקאל 10.
איזידאר ווידער, לאקאל 1.
בארנעט גאלדשטיין, לאקאל 1.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square. New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr
Subscription price paid in advance, $1.00 per year
Vol. IV. No. — New York, Friday, Jan. 27, 1922.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

[illegible] אינטערנעשאנאל יוניאן, האבען [illegible] אזא [illegible] [illegible].
ס. ניגמא,
מענעדזשער פון [illegible]

[illegible] פייגבערג, מענעדזשער
דזשאינט באארד קלאוקמאכער יוניאן.
די [illegible] מאכער פון פילאדעלפיא גראטולירען די קלאוקמאכער צו זייער זיג. דער רעזולטאט פון אייער קאמף בעווייזט ארויס נייעס לעבען אין אונזער סטרייק, און זיין געווען וואך. מיר ווינשען [illegible] ביז מיר וועלען געווינען, היידא פאר דער קלאוקמאכער יוניאן!

ע. רייזבערג,
מענעדזשער ווייסט און רעסמייקער יוניאן לאקאל 15, פילא.

„[illegible] יאנגער, סעקרעטער
דזשאינט באארד קלאוקמאכער יוניאן.
נעהמט אונזערע הארציגע באגריסונגען צו אונזער גלארייכען זיג. מיר ווינשען אייך גליק אין אלע ווייטערע אונטערנעהמונגען. מיר זיינען פאר א גרויסען פארטיידיגונגס-פאנד פאר אונזער יוניאן, פאר ווייטערע זיגע.
ארבייטער פון לואיס ווייגשטיין,
ס. טשער, טשערמאן."

„דזשאינט באארד קלאוקמאכער יוניאן,
40 איסט 23טע סט.
די הערציגסטע גראטולאציאנען צו אונזערע ברידער און שוועסטער צו זייער גרויסארטיגען זיג. לאנג זאל לעבען אונזער אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט וואירקערס יוניאן!
אב. סניידער, מענעדזשער
באסטאן קלאוקמאכער יוניאן."

* * *

אחוץ די טעלעגראמען צום דזשאינט באארד, וואס מיר האבען דא פארעפענטליכט, זיינען אנגעקומען נאך אייניגע, וועלכע זיינען אנגעקומען אי צו אונזער אינטערנעשאנאל, אי צום דזש. באארד, און מיר ווילען נישט זיי נאך א מאל ווידערהאלען. דיזע טעלעגראמען זיינען פון דעם פאריערס דזשאינט באארד, פון דער פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן, פון דער פאריערס אינטערנעשאנאל און פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין סינסינעטי.

רעזאלוציע פון שאפ טשערלייטע פון ארד פעלאוס האל, 98 פארסייט סט.

„מיר, די שאפ טשערלייטע פון ארד פעלאוס האל, 98 פארסייט סטריט, מיט דער צושטימונג פון אלע סטרייקענדע ארבייטער פון דיזען האל, דריקען אויס א דאנק צו אונזערע לידערס פון סטרייק און א ספעציעלען דאנק צו פרעזידענט שלעזינגער.

„מיר דריקען אויך אויס אונזער מיטפילען דאנק צו אונזער האל טשערמאן, ברודער מאקס קאהען פאר זיין גוטע און ווירדיגע ארבייט, וועלכע ער האט געטאן אין צייט פון סטרייק, און מיר פרעזענטירען איהם מיט א ווערטפולען פרעזענט, און מיר ווינשען איהם און זיין פאמיליע צו ניצען עס געזונטערהייט. מיר האפען, דאס ער וועט אויך ווייטער שטעהן מיט אונז און קעמפען פאר אונזערע רעכטען.

די רעזאלוציאנס קאמיטע:
ה. בערשטיין, שאפ טשערמאן פון גאלדמאן ענד בעטערי; ל. ראָזען, שאפ טשערמאן פון א. לייבערמאן; בעראוווסקי, שאפ טשערמאן פון אסטראוו ענד וואלק; קאהען, פון ל. ביבער'ס שאפ.

מיטינג פון דזשאינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע

א רעגולערער מיטינג פון דעם דזשאינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע איז אפגעהאלטען געווארען מיטוואך אווענד, 18טען יאנואר, אין 16 וו. 21טע סט., מיט בר. בערלין אלס פארזיצענדער.

די טאגעס-ארדנונג פון מיטינג איז געווען: 1) ראל קאל, 2) פראטאקאל פארלעזען, 3) באריכט פון דעם באארד אוו דירעקטארס, 4) באריכט פון דער אפיל קאמיטע, 5) צושריפטען, 6) וועגען אויסקלייבען א טשערמאן פאר'ן מיטינג פון דאנערשטאג, 19טען יאנואר.

א קאמיטע פון דער „פאליטיקעל פריזאנערס רעפענס און רעליף קאמיטע" ערשיינט און מאכט א שטארקען אפיל פאר די פאליטישע ארעסטירטע, וועלכע שמאכטען נאך אין די פארשיידענע פריזאנס פון לאנד און פאר וועלכע קיינער טוט גאר ניט. זיי פארלאנגען שטיצע פון דזשאינט באארד, כדי זיי זאלען קענען אנגעהן מיט זייער קעמפיין צו באפרייען די פאליטישע ארעסטירטע, וועלכע זיינען נאך פארבליבען אין די געפענגנישען.

ס'ווערט געמאכט א פארשלאג צו שטיצען זיי מיט 50 דאלאר און צו נעהמען פאר 10 דאלאר טיקעטס צו זייערער אן אונטערנעהמונג. אן אמענדמענט איז געמאכט געווארען, אז מען זאל זיי שטיצען מיט ניט מעהר ווי 25 דאלאר, און א סאבסטיטוט איז געמאכט געווארען, דאס מען זאל עס איבערגעבען צום באארד אוו דירעקטארס צום פארהאנדלען. דער סאבסטיטוט איז דורכגענאנגען.

א צווייטע קאמיטע וועלכע האט פארטראטען די סענטראל בארים פאר אמנעסטיע, איז ערשינען און ערקלעהרט, אז די דאזיגע ארגאניזאציאן האט פאר די לעצטע דריי יאהר געטאן וואס עס איז נאר מעגליך געווען פאר די פאליטישע ארעסטירטע. מיט דער באפרייאונג פון גענאסע יודזשין וו. דעבס און א סך אנדערע פאליטישע ארעסטירטע, גלויבען זיי, אז זייער ארבייט איז שוין פארענדיגט. א קאנפערענץ איז אפגעהאלטען געווארען צווישען דעבס'ן און גאמפערס'ן וועגען דעם וואס עס זאל געטאן ווערען צו העלפען באפרייען די איבעריגע פאליטישע ארעסטירטע און זיי האבען באשלאסען, אז אזוי גיך ווי דעבס וועט זיך אויסרוהען, וועט ער אנהויבען א קאמף פאר דער באפרייאונג פון די ארעסטירטע. נעהמענדיג דאס אין אנבאטראכט, האט די סענטראל בארים אמנעסטיע קאמיטע באשלאסען זיך אויפצולייזען, אבער אזוי ווי זיי האבען א דעפיציט פון 2,000 דאלאר, פארלאנגען זיי דעריבער, אז דער דזשאינט באארד זאל עפעס ביישטייערען צו דעקען דעם דעפיציט.

זייער פארלאנג ווערט אויך איבערגעגעבען צום באארד אוו דירעקטארס צו האנדלען.

די פראטאקאלען פון לעצטען מיטינג ווערען פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

ברודער בערלין, פרעזידענט פון דעם דזשאינט באארד, אנאנסירט, דאס פון היינט און ווייטער וועט דער מיטינג פון דזשאינט באארד זיך אנהויבען ניט שפעטער ווי 7:30, און די דאזיגע דעלעגאטען, וועלכע וועלען ניט ענטפערען דעם ראל-קאל, וועלען ווערען באצייכענט אלס אבוועזענד.

דער באארד אוו דירעקטארס גיט אפ דעם פאלגענדען באריכט:

א קאמיטע פון דער ס. דזש. וו. דרעס קא. איז ערשינען פאר דעם באארד אוו דירעקטארס, ערקלעהרענדיג, דאס זייער שאפ איז געווען ארום 12 וואכען אין סטרייק און ווען דער סטרייק איז געסעטעלט געווארען האט זיך די פירמע ענטזאגט ארויפצונעהמען צוריק צו דער ארבייט צוויי ארבייטער — איינער א מיטגליד פון לאקאל 22, מיס מיני גאלדשטיין, און דעם סעמפעל מייקער. דאס האט פאראורזאכט, דאס די ארבייטער זיינען צוריק ארונטער אין סטרייק.

האנדלענדיג וועגען דער אנגעלעגענהייט, האט די קאמיטע אויסגעפונען, אז די דאזיגע מיס גאלדשטיין האט נים געארבייט רעגולאר ווי די איבעריגע ארבייטער פון שאפ. מען ארבייט דארטען פון וואך, און ווען, צום ביישפיל, אלע האבען אויסגעארבייט 20 שטונדען די וואך האט זי נים מעהר געארבייט ווי 3 אדער 4 שטונדען. דאס איז איינע פון די אורזאכען ווארום די פירמע האט זיך ענטזאגט איהר צו נעהמען צוריק. אבער די סעמפעל-מאכערין האט געארבייט רעגולער און די קאמיטע איז מיט דער מיינונג, אז זי איז בארעכטיגט צו דעם פלאץ.

ברודער הורוויץ, דער מענעדזשער פון דעם אסאסיאיישאן דעפארטמענט, האט ערקלעהרט, דאס די אויבענדערמאנטע פירמע האט באלאנגט צו דער אסאסיאיישאן איידער דער סטרייק איז ערקלערט געווארען און זייט ווי עס זיינען א מאיאריטעט פון די ארבייטער [illegible] אויפגעגעבען דעם סטרייק, ווייל זיי גלייבען, אז די דאזיגע מיס גאלדשטיין איז ניט בארעכטיגט צו דעם שאפ, ווייל זי האט פארלאזען דעם שאפ בעפאר דעם סטרייק און זי האט זיך ניט באוויזען אין שאפ פאר א לאנגער צייט. ברודער הורוויץ גלויבט אבער, אז עס איז דא א מעגליכקייט צו צווינגען דער פירמע זי זאל צוריק באשעפטיגען דער סעמפעל-מאכערין.

נאך די ערקלעהרונגען פון דער קאמיטע און פון ברודער הורוויץ, האט מיס מיני גאלדשטיין פרייוויליג צוריקגעצויגען איהר קליים צום שאפ. דער באארד אוו דירעקטארס האט באשלאסען איבערצוגעבען די קליים צום אפיס.

עס ערשיינט א קאמיטע פון ב. עריסאן'ס שאפ. ברודער עניטא, אלס ווארטפארשטעהער, ערקלעהרט, אז מאיס עריסאן'ס שאפ איז איבערגענאנגען צו ווינעם א ברודער און אז דער ברודער האט זיך ענטזאגט צו באשעפטיגען 6 פון די פריהעריגע ארבייטער. ברודער עניטא ערקלעהרט אויך, אז 5 פון זיי האבען זיך שוין פאר א לאנגער צייט ניט באוויזען אין שאפ, אבער דער זעקסטער איז שטענדיג געווען צוזאמען מיט אלע ארבייטער.

ברודער הורוויץ ערקלעהרט, אז מיט דער דאזיגער פירמע האט ער פאר די לעצטע 4 מאנאטען א סך שוועריגקייטען און, ווי ער האט שוין באריכטעט צו דעם לעצטען מיטינג פון באארד אוו דירעקטארס, האט ער פארלאנגט, אז די קליים זאל איבערגעגעבען ווערען צו דעם אומפארטייאישען טשערמאן, וואס די אסאסיאיישאן האט צוריקגעוויזען, נאך ער האט ערווארטעט ווייטערע ענטוויקלונגען אין דער קליים. דערווייל איז די פירמע ארויס פון דער אסאסיאיישאן און, ווי ער האט ערפאהרען, האט די זעלבע פירמע אריינגעגעבען אן אפליקיישאן צו דער דזשאבבערס אסאסיאיישאן.

נאכדעם ווי די פראגע איז אריבערגערעדט געווארען פון אלע זייטען, איז באשלאסען געווארען עס איבערצוגעבען צום אפיס.

ס'ווערט פארגעלעזען פאלגענדער צושריפט פון לאקאל 10:

„די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 10 איז איינשטימיג צו הערען, אז אייער פרא ראטא חלק צו אויפהאלטען דעם דזשאינט באארד איז ארויפגעזעצט צו 9 פראצענט. בפרט נאך ווען מען נעהמט אין אנבאטראכט אז אונזער מיטגלידערשאפט איז פארקלענערט געווארען.

„מיר האבען פון דעם זעלבען באריכט אויך ערפאהרען פון דעם גרויסען פארלוסט אין מיטגלידער אין אונזערע שוועסטער לאקאלען. דעריבער זיינען מיר נאך מעהר ערשטוינט ווען מיר דערוויסען זיך אז לאקאל 10 דארף אליין צאהלען פאר די זעלבע צוויי טויזענד מיטגלידער ווען אונזער מיטגלידערשאפט איז קלענער געווארען.

די עקזעקוטיווע באארד פון לאקאל 10 האט מיר דעריבער באפאלמעכטיגט צו איבערקוקען די מיטגלידער ביכער כדי צו וויסען קלאהר די צאהל פון אונזערע מיטגלידער קאטערס אין דער ווייסט און דרעס אפטיילונג. איך האב אויסגעפונען אז די מיטגלידערשאפט איז אראפגעפאלען צו 1,300. איך וואלט דעריבער געבעטען דעם באארד אוו דירעקטארס צו רעכענען אונזער לאקאל דעם פרא ראטא חלק לויט ווי עס קומט אויס.

„האפענדיג דאס איהר וועט דאס נעהמען אין אנבאטראכט, פארבלייב איך,
ברידערליך אייערער,
„דזשאזעף פיש."

ברודער האלפערן ערקלעהרט אז איידער מען האט אויסגעארבייט דעם פרא-ראטא חלק איז אפגעהאלטען געווארען א מיטינג פון אלע לאקאל-סעקרעטארען און זיי האבען עס אויסגעארבייט לויט נאך יעדער לאקאל. דאך, אזוי גיך ווי די בילס זיינען ארויסגעשיקט געווארען, האט לאקאל 10 געלאזט וויסען, אז זיי וועלען נים צאהלען דעם ביל ווי ס'איז צו זיי צוגעשיקט געווארען. ער שלאגט דעריבער פאר, אז איידער מיר וועלען פארהאנדלען דעם צושריפט פון לאקאל 10 זאל דער ביל צוערשט פון זיי איינגעצאהלט ווערען און נאכהער זאל אפגעהאלטען ווערען א צווייטער מיטינג פון די לאקאל סעקרעטערים און זיי זאלען באשטימען וועגען דעם פארלאנג פון לאקאל 10.

ברודער מאקאוו, סעקרעטאר פון דזש. באארד, מאכט א באמערקונג, אז מיר האבען זעהר א סך אויסגעגעבען אין פרינטינג, וואס ווען דער אפיס וואלט געהאט א מימעאגראף מאשין, וואלט מען עס גע-

[illegible]
[illegible]
די באארד אוו דירעקטארס [illegible]
[illegible]
[illegible] באריכט [illegible]
באארד אוו דירעקטארס געענדיגט.
[illegible]

ברודער מאראץ באריכטעט, אז ער האט געשיקט א טעלעגראמע צו דער קלאוקמאכער דזשאינט באארד באגריסענדיג איהר מיט זייער זיג. עס ווערט גוטגעהייסען.

די אפיל קאמיטע באריכטעט דאס פאלגענדע.

זיי האבען געהאט א מיטינג דעם דריטען יאנואר אין וועלכען זיי האבען פארהאנדעלט די פאלגענדע קייסעס.

ברודער ה. שניידער, א מיטגליד פון לאקאל 22, אפעלירט געגען דער ענטשיידונג פון דער גריוואנס קאמיטע, וועלכע האט איהם באשטראפט מיט 10.00 דאל. אין הערען איז זיין אפיל געווען אזוי: כאטש ער ערקלעהרט זיך שולדיג אויף דער קלאגע וואס ס'איז דא געגען איהם, אבער ער איז אן ארימאן א איד, האט צוויי קינדער, זיין פרוי איז קראנק, ער דארף צאהלען דאקטאר ביל, און ער האט ניט פון וואנען צו צאהלען די שטראף.

אן אפיל איז פאר איהם אויך געמאכט געווארען פון די ברידער קאהען, פרידמאן און בערנשטיין, באאמטע פון דער דזש. באארד. די אפיל קאמיטע האט באשלאסען צו פארקלענערן זיין שטראף אויף 5 דאלאר.

ברודער י. בערקאוויץ, מעמבער פון לאקאל 22 אפעלירט געגען דער ענטשיידונג פון דער גריוואנס קאמיטע, וועלכע האט איהם באשטראפט מיט 25 דאלאר. לויט ווי די פראטאקאלען פון דער גריוואנס קאמיטע ווייזען איז בערקאוויץ געווען דער יעניגער וועלכער האט באריכטעט צום ביזנעס איידזשענט בר. גוזמאן וועגען א רייהע פארברעכענס געגען דער יוניאן וואס זיינען באגאנגען געווארען אין דעם שאפ פון גרינבערג און וויין.

די אפיל קאמיטע האט, נעמענדיג אין אכט, אז כאטש בערקאוויץ האט אליין איינמאל גענומען אין די פארברעכענס נאר אזוי ווי ער איז דאס געווע דער יעניגער וואס האט עס איבערגעגעבען דער יוניאן און וואס א דאנק איהם האט זיך די יוניאן דערוואוסט פון דעם און די פארברעכער זיינען באשטראפט געווארען, האט דעריבער די אפיל קאמיטע באשלאסען פון איהם ארונטערצונעמען דעם שטראף.

סאלאמאן שאר, מעמבער פון לאקאל 35, אפעלירט געגען דער ענטשיידונג פון דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 60, וועלכע באשטראפט איהם, דאס ער מוז פארלאזען דעם שאפ פון שטעיגטאל און בארער, 284 וועסט 25טע סט. אין זיין געשריבענעם ווי אין זיין מינדליכען אפיל ערקלערט ברודער שאר, אז כאטש ער איז שוין א מיטגליד אין דער יוניאן עלף יאהר, דאך האט ער ניט געוואוסט אז עס איז ניט ערלויבט פון דער יוניאן דאס א פרעסער זאל האלטען אן ארויסהעלפער. ער האט אויך ניט געוואוסט, אז עס איז ניט ערלויבט, דאס איין פרעסער זאל ארבייטען פון וואך און א צווייטער — פון שטיק.

די פראטאקאלען פון לאקאל 60 אין דער קייס באווייזען, אז שאר האט געארבייט ביי דער אויבענדערמאהנטער פירמע פון שטיק און אז ער פלעגט נעמען ארויסהעלפערס, זיי בייטען אלע טאג אן אנדערען און אז ער פלעגט זיי צאהלען פון וואך.

ווען מען האט שאר'ן גענומען אויף א קרייז-פארהער האט זיך ארויסגעצייגט אז ער איז א פערזענליכער פריינד פון דער פירמע.

די אפיל קאמיטע האט אנטשיידעט, אז די אנטשיידונג פון לאקאל 60 זאל בלייבען אין קראפט.

(שלוס נעקסטע וואך.)

א דאנק רעזאלוציע.

מיר, די ארבייטער פון לעווין בראס. שאפ, 3-5 וו. 18טע סט., אפהאלטענדיג א גוט באזוכטען שאפ-מיטינג, באשליסען אויסצודריקען אונזער דאנק צו אונזער האל טשערמאן, ברודער סטודענט, און צו זיין אסיסטענט, ג. זאקשטיין, און האל סעקרעטער ס. הירשטריט, פאר זייערע לייסטונגען צו אונזער שאפ און פאר זייערע גוטע ארבייט אין אלגעמיין.

די קאמיטע:
לואיס מאסס, לאקאל 9.
איזידאר שולמאן, לאק. 1.
יעקב בלום, לאקאל 35.

טעלעפאן גראמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סט.. ניו יארק

טעלעגראמען און באגריסונגען צום זיגרייכען ענד פון גרויסען קלאוקמאכער קאמף

ווי נאר עס איז באוואוסט געווארען די נייעס ווי שנעל עס האט זיך געענדיגט דער גרויסער קלאוקמאכער־קאמף, האבען אנגעפאנגען קומען באגריסונגס־טעלעגראמען און בריוו אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל און אין אפיס פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, באגריסענדיג די יוניאן מיט דעם וואונדערבארען זיג איבער דער גאנצער וואך פון דעם לעצטען סטרייק.

טעלעגראמען אנגעקומען אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל.

„בענדזשאמין שלעזינגער,
31 יוניאן סקווער, ניו יארק.

ווען די מאנופעקטשורערס אין אייער אינדוסטריע האבען געבראכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן, האב איך געהאט א פעסטען גלויבען, דאס איהר וועט ארויסקומען וויקטאריעז פון דעם גערעכטען קאמף. מיינע גראטולאציאנען צו אייך, אייער ארגאניזאציע און צו אלע אייערע סטרייקער, די אלע וואס האבען אזוי הערואיש געקעמפט און אזוי גלענצענד געוואונען.

סעמיועל גאמפערס."

„פרעז. שלעזינגער, א. ל. ג. וו. י.
31 יוניאן סקווער, נ. י.

אין נאמען פון דער ריינקאוטמאכער יוניאן לאקאל 20, גראטולירט איך אייך צו דעם פאלשטענדיגען זיג פון דער אינטערנעשאנאל איבער די מאנופעקטשורערס אין זייער אטאקע אויף די ארגאניזירטע ארבייטער. מיר ווינשען שטאלץ צו זיין א טייל פון אזא העלדענהאפטער ארגאניזאציע, וואס שטעלט זיך אזוי איין פאר די רעכטען פון איהר מיטגלידערשאפט.

לואיס וועקסלער
מענעדזשער לאקאל 20."

„פרעזידענט שלעזינגער, א. ל. ג. וו. י.,
ניו יארק.

מיט גרויס ניינעריגקייט האבען מיר נאכגעפאלגט דעם קאנפליקט צווישען די פראטעקטיוו אסס'ן און די קלאוקמאכער יוניאן און מיר באוואונדערען מיט וועלכער ענערגיע דער קאמף איז אנגעפיהרט געווארען. דער אויסגאנג פון דעם קאנפליקט איז גראנדיאז.

מיר גראטולירען אייך אין דיזען היסטארישען מאמענט און מיר האפען, דאס דער גרויסער זיג וועט אריינברענגען נייעם לעבען אין דער גאנצער אינטערנעשאנאל־פאמיליע. לאנג זאל לעבען אונזער אינטערנעשאנאל! לאנג זאל לעבען די גאנצע ארבייטער־באוועגונג!

ווייסגודס ווארקערס לאק. 62
א. דיוויד, מענעדזשער.
מאלי ליפשין, סעקרעטער."

„דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד,
31 יוניאן סקווער.

וויט גענריסט; נעהמט אן אונזער הארציגסטען מזל טוב צו אייער זיג; די מאנופעקטשורערס אסס'ן האט זיך פאלשטענדיג אונטערגעגעבען.

דזשוינט באארד קלאוק און סקירט מאכער יוניאן פון פילאדעלפיא.
מאקס אמדור, מענעדזשער."

„פרעזידענט שלעזינגער,
31 יוניאן סקווער, ניו יארק.

די הארציגסטע גראטולאציאנען צו אייער גלענצענדען זיג. אייער זיג וועט געבען מוט צו דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג.

וואומענס טרייד יוניאן ליג,
ראוז שניידערמאן."

„פרעז. שלעזינגער, טשערמאן
דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

נעהמט אן אונזער הארציגסטע גראטולאציאנען צו אונזער גלענצענדען זיג. מיר ווינשען אייך ערפאלג אין אייערע ווייטערע אונטערנעהמונגען. מיר זיינען פאר אייביג מיט אייך. מיר זיינען פאר א גרויסען פארטיידיגונגס־פאנד צו פארזיכערן אונזער רעכט אלס ארגאניזירטע ארבייטער.

די ארבייטער פון וויינשטיין בראס. שאפ, מיטגלידער ל. 17."

„אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט
וואירקערס יוניאן, 31 יוניאן סקווער.

אונזערע הארציגסטע באגריסונג צו די מיטגלידער און באאמטע פון אייער אינטערנעשאנאל צו אייער גרויסען זיג. מיר פרעהען זיך מיט'ן גלענצענדען ענד פון אייער קאמף, פאר די אויפהאלטונג פון די ארבייטס־באדינגונגען און פאר די גאנצקייט פון אייער יוניאן. מיר פיהלען, דאס אייער איצטיגער זיג איז דער זיג פון אייך, [illegible] אונזער ארבייטער באוועגונג אין אלע ארטען. מיר שיקען זיך אן מיט האפנונג אין דער פיהרונג פון אייער גרויסען אויפטו.

אינטערנעשאנאל פאר וואירקערס יוניאן,
מאריס קויפמאן, פרעזידענט."

„פרעז. שלעזינגער,
אין דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

דער גרויסער זיג וואס איהר האט דערגרייכט מאכט אונז זיין שטאלץ מיט אייך. דער קאמף וואס איהר האט געפיהרט פאר די קלאוקמאכער און פאר די אינטערנעשאנאל איז דער נאבעלסטער אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער־באוועגונג. דער וואונדערבארער רעזולטאט פון דעם קלאוקמאכער סטרייק אין ניו יארק גיט אונז מוט פארטזעצען דעם קאמף אין פילאדעלפיא, ביז מיר וועלען זיגען. א טויזענטפאכיגער הורא פאר אונזער פרעזידענט און פאר אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן.

דזשענעראל סטרייק קאמיטע
פילאדעלפיער ווייסט און דרעס מאכער יוניאן.
עלים רייזבערג, מענעדזשער."

„פרעזידענט שלעזינגער,
31 יוניאן סקווער.

נעהמט אן, און גיט אויך איבער צום דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און צו אלע ניו יארקער קלאוקמאכער אונזער הארציגסטען גליקוואונש צו דעם איצטיגען זיג. דער זיג איז וואס אהן צווייפעל האבען א באדייטענדען איינפלוס אויף דער גאנצער ארבייטער באוועגונג. עס וועט אריינברענגען א נייעם גייסט אין אלע אמעריקאנער יוניאנס.

יוסף שובערט, סעקר.
כאנטראל דזשאינט באארד."

„אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט
וואירקערס יוניאן.

הארציגסטע גראטולאציאנען פון די בעקערס יוניאן לאקאל 100 צו אייער גרויסען, גלאררייכען זיג, וואס איהר האט געוואונען. מיר ווינשען אייך ערפאלג אין אלע אייערע אונטערנעהמונגען צו שטארקען אייער ארגאניזאציע.

בעקערס יוניאן לאקאל 100,
י. ראזימסס, סעקרעטער."

„פרעז. שלעזינגער,
31 יוניאן סקווער.

הארציגסטע גראטולאציאנען צום זיגרייכען אויסגאנג פון דעם סטרייק. דאס וועט זיין צו נוצען פון יעדען ארגאניזירטען ארבייטער אין לאנד. הורא פאר די ניו יארקער קלאוקמאכער און פאר דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן.

דזשאינט באארד קלאוקמאכער יוניאן, סינסינעטי.
ס. ווידמאן."

„אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט
וואירקערס יוניאן.

גראטולאציאנען צו אייער גרויסארטיגען זיג. די מאנופעקטשורערס האבען זיך געמוזט אונטערגעבען אומקאנדיציאנעל, און דאס איז א גוואלדיגער זיג.

דזשאינט באארד פאריערס יוניאן, א. בראונשטיין."

„פרעז. שלעזינגער,
31 יוניאן סקווער.

הארציגע גליקוואונשען צו אייער נאבעלען זיג.

סטרייק־קאמיטע לאקאל 67."

„אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט
וואירקערס יוניאן, 31 יוניאן סקווער.

נעהמט אן אונזערע הארציגע גליקוואונשען צו אייער גראנדיעזען זיג פון דער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן. די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט איז גליקליך מיט אייער זיג.

די סטרייקענדע בעד ספרינג מאכער יוניאן,
ב. וויינשטיין, סעקרעטער."

מיין ליבער מר. שלעזינגער.

„ערלויבט מיר צו גראטולירען אייך און די יוניאן מיט דער ענדע פון דעם ערפאלגרייכען סטרייק. איך בין זיכער, דאס א חוץ די גרויסע סאלידאריטעט וואס די סטרייקער האבען ארויסגעוויזען, האט דער אויסגאנג פון דעם סטרייק נאך א סך צו פארדאנקען די אויסערגעוויינליכע פעהיגקייט, מיט וועלכער דער סטרייק איז פון אייך געפיהרט געווארען.

איבערגעבענעס אייער,
מאריס ראטענבערג."

„פרעז. שלעזינגער, טשערמאן
דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

נעהמט אן אונזערע הארציגע גראטולאציאנען צו אייער גרויסארטיגען זיג. אייער מיטגלידערשאפט האט ווידער א מאל באוויזען וואס ארבייטער קענען אויפטאן, ווען זיי פארשטעהען די באדייטונג פון סאלידאריטעט. מיר ווינשען אייך אין דער צוקונפט צו פארצייכנען אזוי פיל זיגע, ווי אין דער פארגאנגענהייט.

נ. י. דזשאינט באארד אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס אוו אמעריקא.
א. י. שיפלאקאוו, מענעדזשער,
פיטער מאנאט, סעקרעטערי."

„בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט,
אב. בארא, סעקרעטער
א. ל. ג. וו. י., ניו יארק.

ווייט גענריסט. די נייעס פון אייער גרויסארטיגען זיג איז אויפגענומען געווארען מיט פרייד פון דער גאנצער מיטגלידערשאפט פון די אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס אוו אמעריקא. מיט פרייד האבען מיר געגעבען איבערדרוק צו די נייעס, גלייך ווי מיר האבען זיך דערוואוסט, דורך די קאלומס פון אונזערע אפיציעלע צייטונגען, דורך וועלכע מיר האבען אייך אויך געשיקט אונזערע גראטולאציאנען.

די וויכטיגקייט פון אייער זיג ווערט געוויס אפגעשעצט פון אונזער מיטגלידערשאפט. דער זיג איז גרויס גענוג, אז די גאנצע ארבייטער באוועגונג זאל זיך מיט איהם פרעהען.

מיר בעטען אייך אננעמען אונזערע גראטולאציאנען און די הארציגסטע ווינשונגען פאר ווייטערע זיגע.

יוסף שלאססבערג,
גענעראל סעקרעטער־טרעזשורער."

„אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט
וואירקערס יוניאן, 31 יוניאן סקווער.

מיר גראטולירען אייך מיט דעם גרויסען זיג.

ריינקאוט מאכער יוניאן ל. 7
פון באסטאן.
פרעד מאנסאן, סעקרעטער."

„בענדזשאמין שלעזינגער, פרעז.
אינטערנעשאנאל ל. ג. וו. י.

מיט גרויס פרייד האבען מיר געלעזען די נייעס פון אייער זיג איבער די מאנופעקטשורערס. זאל דער זיג זיין א גוטער אנפאנג פאר ווייטערע זיגע פון ארבייטער־קלאס געגען זייערע אונטערדריקער.

מאנטרעאל דזשאינט באארד
אמאלגאמייטעד קל. וו. אוו א."

„מר. ב. שלעזינגער, פרעז.,
31 יוניאן סקווער, ניו יארק.

ווערטע פריינד:

מיר שיקען אונזער הארציגע באגריסונג צו די צעהנדליגע טויזענדער קלאוק מאכער. דער גרויסער זיג פון אייער יוניאן איז א געווינס נים בלויז פאר די מיטגלידער פון אייער ארגאניזאציע, נאר פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

די קלאוקמאכער מעגען זיך איינער דעם צווייטען גראטולירען פאר דעם דורכגעפיהרטען און בראווען קאמף וואס זיי האבען אנגעפיהרט אין דעם יעצטיגען מאמענט פון עקאנאמישען קריזיס איבער'ן לאנד, ווען פילע סטרייקס זיינען פארלארען געגאנגען, האט ביי אלע פריינד פון דער ארבייטער באוועגונג געקלאפט דאס הארץ פאר די רעזולטאטען פון אייער סטרייק. אבער, ווי אלע מאל, איז אויך יעצט די קלאוקמייקער יוניאן ארויסגעקומען די זיגערין פון דער סיטואציע. די מיטגלידער פון דער יוניאן און הויפטזעכליך די ארבייטער רינג מעמבערס, וועלען זיכער אויך אין דער צוקונפט זייען, פונקט ווי זיי האבען דאס געוואוסט אין דער פארגאנגענהייט, אז בלויז דורך א דיסציפלינירטען קאלעקטיוו־באוואוסטען קאמף איז מעגליך צו פארשטארקען די ארבייטער'ס פאזיציע.

זאל אייער יעצטיגער הערליכער זיג בלייבען פאר דער גרויסער מיטגלידערשאפט פון דער קלאוק מאכער יוניאן א סימבאל פון קלאסען־קאמף אין יעדען צופעליגען צוזאמענשטויס צווישען די ארבייטער און באלעבאטים.

מיט שבתות און פריינדליכען גרוס,
נאצ. עקז. קאם. ארב. רינג.
פ. געליבטער, עקז. סעק."

אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט
וואירקערס יוניאן.

„די סענטראל קאמיטע פון דער פארמער לייבאר פארטיי, אויף איהר רעגולער מיטינג, מיטוואך, דעם 8טען יאנואר [illegible], שיקט אייך די הארציגסטע גראטולאציאנען צו אייער גרויסען זיג, דורך די ברילליאנטע פיהרערשאפט. בעסטע ווינשען פאר ווייטערע ערפאלגען."

דזשעראם הערינג, טשערמאן,
ערנסט באהם, סעקרעטער.

„אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט
וואירקערס יוניאן.

גליקוואונשען צום ערפאלג פון אייער לעצטען סטרייק. מיר האפען, אז אייער וועט פונקט אזוי ערפאלגרייך זיין אין דער צוקונפט.

קלאוקמאכער יוניאן פון באלטימאר.
א. ברייטשטיין, מענעדזשער."

„פרעזידענט שלעזינגער,
31 יוניאן סקווער.

הארציגסטע גליקוואונשען צו אייער וואונדערבארען זיג. מיר ווינשען אייך ערפאלג אויך אין דער צוקונפט. לאנג זאל לעבען די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן!

סענטראל קאמיטע פועלי ציון,
האמלין, סעקרעטער."

„אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט
וואירקערס יוניאן, 31 יוניאן סקווער.

דער ראטשעסטער דזשאינט באארד פון די אמאלגאמייטעד קלאדינג וואירקערס אוו אמעריקא באגריסט אייך צו אייער גרויסארטיגען זיג.

ראטשעסטער דזשאינט באארד,
א. ק. וו. אוו א."

„בענדזשאמין שלעזינגער,
א. ל. ג. וו. י., ניו יארק.

אויף מיין וועג נאך אלבאני האב איך געלעזען די פרעהליכע נייעס פון אייער וואונדערבארען זיג אין דער גארמענט אינדוסטריע. ערלויבט מיר זיך צו באטייליגען אין אייער שמחה מיט דעם זיג. בעסטע וואונשען צו אייך אלעמען.

עלים פ. גליקמאן,
אלבאני, נ. י."

טעלעגראמען אנגעקומען אין אפיס פון דזשאינט באארד.

„דזשאינט באארד קלאוקמייקערס יוניאן,
לואיס לאנגער, סעקרעטער,
40 איסט 23טע סט., נ. י.

די פרעהליכע נייעס פון אייער גלאררייכען זיג האט מיך שטארק דערפרעהט. עפעס האב איך געפיהלט באלד ביים אנפאנג פון דעם סטרייק, וויסענדיג ווי גוט רעכט איהר זייט געווען אין אייער קאמף און וואס פאר א שטארקען פראטעסט איהר האט געמאכט, אז אייער קאמף וועט זיך ענדיגען מיט א גלאררייכען זיג. איך דאנק אייך פאר דער אנערקענונג צו דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר און צו מיר אליין פאר דאס וואס מיר האבען גענומען צו העלפען אייער קאמף און איך פארלאנג פון אייך אנצונעהמען און איבערגעבען צו אלע, וואס האבען זיך אין דעם קאמף באטייליגט, מיינע גראטולאציאנען און וואונשען פאר נאך א גרעסערער מאכט און איינפלוס פאר'ן וואוהל און בעסטען פון די ארבייטער.

סעמיועל גאמפערס,
פרעזידענט א. פ. אוו ל.,
וואשינגטאן, ד. ס."

„לואיס לאנגער, סעקרעטער
דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

גרוסען און גראטולאציאנען צו די קלאוקמאכער.

מאיר לאנדאן, קאנגרעסמאן,
וואשינגטאן, ד. ס."

„ל. לאנגער, סעקרעטער
דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

די עקזעקוטיוו פון לאקאל 48 האט איינשטימיג באשלאסען אייך צו שיקען הארציגע גראטולאציאנען און אנערקענונג צו אונזער פרעזידענט שלעזינגער. פון אנפאנג ביז'ן סוף פון דיזען קאמפליצירטען קאמף האט ער זיך ארויסגעוויזען צו זיין אן אומפארטייאישער פיהרער פון דער קעמפענדער ארבייטער־ארמיי. לאקאל 48 איז שטאלץ מיט זיין פיהרערשאפט און שיקט איהם, דורך דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע, אונזער דאנק און ברודער־גרוס פאר דעם גרויסען זיג. דאנק זיין גרויסער איבערגעבענהייט [illegible]

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

אין ארבייטער אוניווערסיטעט, וואשינגטאן אירווינג הײ סקול.

שבת, דעם 8טען יאנואר.

אום 1 נאכמיטאג „אלגעמיינער איבערבליק איבער די מאדערנע טענדענץ אין דער ייִדישער ליטעראטור". לערער, ב. י. ר. סטאלפער.

אום 2 נאכמיטאג „די געשיכטע פון דעם „אינדאסטריעל רעלײשאנס האוט אין קענזעס סטייט". לערער, א. ל. ווילבערט.

אום 3 נאכמיטאג — „דער אורשפרונג פון מאדערנע טרייד יוניאנס אין אמעריקע". לערער, דר. ליאָ וואלמאן.

זונטאג, דעם 9טען יאנואר.

אום 10:30 אין דער פריה — „געזעלשאפטליכע אנערקענונג און ניט־אנערקענונג פון אויפפיהרונג". לערער, א. פישהאנדלער.

אום 11 אין דער פריה. — „די סאציאלע און אינדוסטריעלע געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאטען". לערער, דר. ה. קארמאן.

אום 11 פארמיטאג — די רעדנער שולע. לערער, ג. פ. שולטין.

אין די יוניטי סענטערס.

מאנטאג, דעם 30טען יאנואר — אין איסט סייד יוניטי סענטער; „אינדוסטריעלע רעוויזיען". לערער, סאלאמאן דע ליאן.

אין צווייטען בראנקס יוניטי סענטער: „די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן". לערער, מאקס לעווין.

אין ווייסט מאבער יוניטי סענטער: אום 8.30, פיזישע איבונגען; מיס מיני רוטה קאהן דירעקטאר;

אין בראנזוויל יוניטי סענטער: „די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן". לערער, מארגארעט דעניעלס.

דינסטאג אויענט, 31טען יאנואר — אין ווייסט מאבער יוניטי סענטער: „די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן". לערער מאקס לעווין.

הארלעם יוניטי סענטער; „מאדערנע עקאנאמישע אינסטיטוציעס". לערער, א. ל. ווילבערט.

אין בראנקס יוניטי סענטער: „טרייד־יוניאן און אינדוסטריעלע געשיכטע פון אמעריקא." לערער, טהערעזא וואלפסאן.

איסט סייד יוניטי סענטער: פיזישע איבונגען. מיס איווא קאהן דירעקטאר.

דעם פרייטאג אווענט, 27טען: אין בראנזוויל יוניטי סענטער: „פסיכאלאגישע שטודיען — געוואוינהייט". לערער, דר. מארגארעט דעניעלס.

וואס דענקען זיי צו טאן ווענען דעם?

יעצט מען לעזט צייטונגען זעהט מען, ווי „די בעסטע קעפ" אין דער איצטיגער געזעלשאפט טראכטען ווענען עקאנאמישע פראבלעמען. באנקירען, „קאפיטאנען פון דער אינדוסטריע, פינאנסירען, גיבען צו אז אין דער וועלט איז עפעס נישט אלץ ווי עס באדארף צו זיין און יעדער פון זיי טראכט אויס עפעס א נייעם פלאן, אריינצושטעלען די וועלט אין א בעסערען שטאנד...

אבער מיט אלע דיזע פלענער ווערט דערווייל גאר נישט געטאן. ווען מען קוקט זיך צו ווי די וואס רעגירען איצט די וועלט ווילען איהר אויסבעסערען, איז עס אי קאמיש, אי טראגיש. יעדער הערשער האט אין זינען נאר זיינע אינטערעסען פון זיין גרופע, און פאר די אנדערע ארט איהם גאנץ ווייניג.

אבער אט די שפיל פון די הערשער פארשטעהען, ליידער, גאנץ ווייניג די גרויסע מאסען פון פאלק.

די ארבייטער זיינען דערווייל די איינציגע אין דער געזעלשאפט, וואס ווילען אויף אן אמת איבערמאכען די איצטיגע וועלט. עס איז אבער א טראגעדיע, וואס גאנץ ווייניג ארבייטער באזיצען דאס וויסען ווי אזוי דאס צו טאן.

און צוליב דעם דארף מען טאקע האבען ארבייטער־בילדונג. ווען די ארבייטער וואלטען קענען דורכפיהרען מיט'ן שכל, דורך בילדונג, דאס וואס זייער אינסטינקט זאגט זיי אונטער, וואלט באלד געווארען אנאנדער וועלט! דער הויפט פראבלעם איז איצט, ווי צו ערציהען די ארבייטער אינטעלעקטועל, זיי זאלען קענען, זיי זאלען פעהיג זיין, איבערצונעמען די וועלט, און זי פיהרען בעסער ווי זי ווערט געפיהרט איצטער פון די קאפיטאליסטען.

און דאס דארף זיין דער הויפט צוועק פון די ארבייטער־בילדונג, — צו געבען דעם מעכטיגען שלאפענדען ריז, די ארבייטערשאפט, דאס נויטיגע וויסען, ער זאל קענען איבערנעמען די איצטיגע „קראנקע", די צרה'דיגע וועלט, און זי אויסהיילען, מאכען פון איהר א שעהנע און א גוטע וועלט, פאר די גליקליכקייט פון אלע מענשען.

אויב יענע צייט וועט אמאל קומען, וועט עס זיין נאר דעמאלט, ווען די ארבייטער וועלען זיין מעהר ענטוויקעלט, בעסער געבילדעט. די באוועגונג פאר ארבייטער־בילדונג האט נאך פאר זיך א גענוג גרויס פעלד.

גוטע טעקסט ביכער.

אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איז דא צו פארקויפען טעקסט ביכער פאר רעדוצירטע פרייזען.

באזונדערס מאכען מיר אויפמערקזאם די סטודענטען וואס אטענדען פיטשהאנדלער'ס קלאס אין פסיכאלאגיע, זיי ווערען געראטען זיך איינצושאפען עדמאן'ס „יומען טרייטס". אין דעם בוך ווערען די סטודענטען געפינען גאר פיעל וואס האט א שייכות מיט דעם וואס ווערט געלערענט אין פיטשהאנדלער'ס קלאס.

גוסטאוו שולטין, דער לערער פון אונזער רעדנער שול רעקאמענדירט די סטודענטען פון זיין קלאס ראבינסאן'ס בוך, „עפעקטיוו פאבליק ספיקינג". דיזער בוך האט א מאסע מאטעריאל פון גרויס פראקטישען ווערט פאר אלע וואס ווילען גרינדליך אויסלערנען די קונסט פון רעדען.

ביידע ביכער קאן מען באקומען צו רעדוצירטע פרייזען אין אפיס פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער, רום 1003.

א בריף פון ארגענטינא

צוליב פילע אורזאכען איז יעצט געווארען א גרויסע עמיגראציע פון ארגענטינא, אפשר דערפאר, ווייל פון דארטען איז לייכט אריינצוקומען אין די פאראייניגטע שטאטען. ארגענטינא איז אבער א לאנד, וואס האט ניט קיין שלעכטע נאמען, און דא קומט דאס ווילקאמענסטע, וואס פארשאפט פון צייט צו צייט פילע עהרליכע ארבייטער אומאנגענעמליכקייטען.

איך וויל דא ניט כשר'ן די ארגענטינער רעפובליק; איך וויל אבער פרובירען פארלייכטערן די ארגענטינער מיטגלידער פון אונזערע פראפעסיאנעלע פאראיינען אריינצוקומען צו ווערען אין אייערע פאראיינען.

ספעציעל וויל איך זיך אפשטעלען אויף'ן פראפעסיאנעלען שניידער ארבייטער פאראיין. דער פאראיין איז אנגעשלאסען אן דער ארגענטינער פעדעראציע אונטער דעם נאמען „פעדעראציאן אברערא רעגיאנאל ארגענטינא". דער ארגענטינער פראפעסיאנעלער שניידער ארבייטער פאראיין איז די עקזיסטירענדע ארבייטער ארגאניזאציע אין שניידער פאך.

דער אויבען דערמאנטער פאראיין אנערקענט אלע ארבייטער ארגאניזאציעס וואס קעמפען אויף דעם עקאנאמישען געביט, ווי אויך די וואס קעמפען פאר דעם אפשאפען פון דער עקספלואטאציע פון מענש איבער מענש.

די הונדערטער ארבייטער, וואס קומען פון יוראפ נאך ארגענטינא א דאנק דעם וואס אין די פאראייניגטע שטאטען איז די לעצטע יאהרען שווער אריינצוקומען, און ברענגען מיט זיך מיט וואס פאר א דאקומענט עס זאל ניט זיין אלס א באשטעטיגונג, אז דער אנגעוויזענער פערזאן איז געווען א מיטגליד אין זיין אלטער היים, ווערט דער זעלבער גלייך אויפגענומען אלס (חבר) מיטגליד.

אנדערש פאסירט אבער מיט די מיטגלידער, וואס קומען פון ארגענטינא אין די פאראייניגטע שטאטען. עס ווערט געשטעלט דעם מיטגליד פארשידענע פראגען, וואס ער (אדער זי) האט דארט געטאן און ווען אלע פראגען ווערען שוין אפגעפרעגט, ווערט באשטימט א געוויסע סומע איינצוצאהלען אלס איינטריטס געלט, ניט קוקענדיג וואס דער זעלבער איז שוין פון לאנג א מיטגליד פון זיין פריהערדיגען פראפעסיאנעלען פאראיין.

אזוי פאסירט עס, ווען א מיטגליד קומט צו די „אמאלגאמייטער" און אזוי איז עס ביי דער „אינטערנעשאנאל".

מיין בריף איז געצילט קלאר צו מאכען די סעקרעטארען פון אייערע לאקאלס, ווי אויך פון די לאקאלס פון די „אמאלגאמייטער", אז בוענאס איירעס, די הויפט שטאדט פון ארגענטינא, האט אן עהרליכע שטארקע ארבייטער באוועגונג, וועמעס פארטרעטער עס איז געווען צו דעם קאנגרעס פון די ארבייטער סינדיקאטען אין פראנקרייך אין סעפטעמבער 1919.

איך, זייענדיג איינינע יאהר אין די סאוטהערן רעפאבליקס, פון אמעריקא און אויך דער סעקרעטאר פון בוענאס איירעס שניידער ארבייטער פאראיין, האב גענומען די געלעגענהייט זיך צו באקענען מיט זייער ארבייטער באוועגונג.

האפענדיג, אז איהר וועט דעם בריף אפדרוקען און דערמיט פיל ארבייטער פארלייכטערן אריינצוקומען צו ווערען אלס מעמבערס, פארבלייב איך מיט ברודער גרוס,

מאקס הירעש
עקס מעמבער פון לאקאל 3.

איך ווייס אליין ניט וואס. מיר איז עפעס היינט אזוי פרעמד.

— מיר אויך.

פון וואס איז אייך פרעהלאך?

אין פון וואס איז אייך פרעהלאך?

— מיר? מיר איז פרעהלאך פון אייך. און אייך?

— פון — פון... אייך און פון דער גאנצער חתונה!

— איהר זייט צופרידען וואס אייער שוועסטער נעמט מיין ברודער?

— יע. און איהר זייט צופרידען וואס אייער ברודער נעהמט מיין שוועסטער?

— זעהר!

פאר וואס זעהר?

אה, איהר ווייסט פאר וואס, איהר — שטיפערקע!

איז דאס ניט געווען אן ערקלעהרונג אין ליבע? — א האלבע ערקלערונג געווים! האט ברכה געטראכט און איז געווען גליקליך. זי האט נאר פון גליק ניט געוואוסט וואס צו טאן. זי האט זיך מיט אמאל פון שטיין א ריס געטאן און זיך געלאזט לויפען צום טייך.

— בערטהא, וואס טוט איהר? — האט ער זי ארומגעכאפט. — וואס איז דאס פאר א חכמה. אך, ווי איהר האט מיך דערשראקען! איך וועל אייך פון היינט אן מוזען אזוי־א שטארק האלטען, אז איהר זאלט פון מיר ניט אנטלויפען... פון וואס זענט איהר דאס אנטלאפען? האט ער ארום שטיין געזוכט אן אורזאכע צו געפינען.

פון פייער אין וואסער... האט זי געלאכט.

— וואס פאר פייער, וואו איז פייער, אפשר מיין פאפיראס?

— יע, יע, אייער פאפיראס! האט זי זיך פארגאסען פון געלעכטער.

— שטיפערקע איינע.

זי האט זיך שוואך פון איהם געריסען: עס איז איהר אזוי גוט געווען פון איהם צו זיין געפאנגען! אבער צו לאנג פארבלייבען אזוי האט ניט געפאסט, אנדערע האבען געקאנט אנזעהן. זי האט איהם געזאגט, דאס ער וועט זי אליין מוזען אפלאזען: די הענט וועלען איהם אנהויבען וועה טאן.

— איך האב שטארקע הענט, — האט ער געזאגט.

— לאנגע הענט, — האט זי איהם פארריכט.

„ברכה'קע! וואו ביזטו?"

— אהא, מ'דארף מיך שוין ווייטער. לאזט אפעט.

— איהר האט דאך געזאגט אז ביי דער מאמען קומט עס פון געוואוינהייט.

— ניין. איצט דארף זי מיך מאקע... לאזט מיך אפ.

ער האט זי אפגעלאזט, און איז שפעטער א ווילע נאך איהר צום שטיבעל געגאנגען, זיך צווישען די געסט אויפגעזעצט.

און זי איז מיט אומגעדולד אנטקעגען איהר מאמען געשטאנען און זי אויסגעהערט וואס זי האט געהאט צו זאגען: די מאמע האט איהר געזאגט, אז זי דארף זיך ניט אויסבאהאלטען. זי דארף העלפען אכטונג געבען אז צווישען די געסט זאלען קיין פארשיבעלס ניט זיין, בעטען, אונטערטראגען אלעמען עפעס וואס אין מויל צו נעהמען.

— ס'איז גרויסע דאגה אויב זיי וועלען יע פארשיבעל האבען!

— וואס האמזעסטו אונטער'ן נאז?

— גארנישט...

— וואו ביזטו דאס געווען? כ'האב דיך פריהער גערופען און גערופען.

— דא ביים הויז.

— אויפ'ן באנק?

— ניין. ביים טייך.

— האסטו ניט געקענט הערען ווי איך האב דיך גערופען?

— כ'האב געהערט.

— איז פארוואס ביזטו ניט געקומען?

— איך בין געקומען. אט־א בין איך.

— וואו... וואו איז דעם חתן'ס ברודער?

— אט־א זיצט ער. זעהסט? קיינער האט איהם ניט אויפגעגעסען.

— זעה נאר וואס פאר א גרויסען מויל דאס האט געקראגען, וואס פאר א „ציינגעלע טאנץ" דאס איז!

קיין איבעריגע צייט האט די מאמע ניט געהאט מיט איהר צו „סגעלען" און זי האט איהר, צוזאגענדיג מיט איהר שפעטער צו ריידען, זי אפגעלאזען.

„זי מיינט אז ע איז נאך אלץ א קליינינקע", האט ברכה געהערט דער מאמען פאר זיך זאגען און זיך אין הארצען געפרעהט דערמיט וואס זי איז שוין א גרויסע.

ווי א גרויסער שמעטערלינג איז זי אין איהר ראזער קליידעל מיט די גרויסע ווייסע שלייפען צווישען די געסט ארומגעפליגען. אזוי ווי פליגלען וואלטען איהר אויסגעוואקסען; באַרים האט אויף איהר געקוקט... אזוי געקוקט...

די פריערדיגע, און צו זיי נאך מיידלאך מיט אינגלאך, זיינען זיך צונויפגעקומען זינגען, און ברכה'קע האט אלע זייערע נארישע אבער הארציגע לידעלאך איבערגעזונגען, מיט אזא שטיפערישען שמייכעל מיט אזוי פיעל לייכטקייט, אז באַרים זאל זעהן ווי ניט ערנסט זי האט זיי געזונגען.

— איהר האט א פייערע שטימע, — האט איהר באַרים ערנסט געזאגט. איהר טארט זי ניט פארלאזען.

— איך וועל זי ניט פארלאזען כל זמן איך וועל לעבען, — האט זי געלאכט.

(פארזעצונג קומט.)

צוויי מיטינגען פון עקז. באארד לאקאל 60

א רעגולער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, דעם 17טען דעצעמבער, מיט בר. פארער אלס טשערמאן.

דער פראטאקאל פון לעצטען מיטינג ווערט פארגעלעזען און גוט געהייסען.

עס ווערען פארגעלעזען 2 באריכטען פון דזשוינט באארד, פון דעצעמבער דעם 6טען און 13טען, און נאך דעם ווי די באריכטען ווערען דיסקוטירט, ווערען זיי גוטגעהייסען.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון דער פינאנס און אפיס קאמיטע, וועלכע ברענגען אריין פאלגענדע רעקאמענדאציעס:

1) דאס דעם מענעדזשער זאל געגעבען ווערען דאס רעכט ארויסצושיקען פערזענליכע נאטיס צו אלע מעמבערס, וועלכע זיינען נישט גוטשטעהענד.

2) דאס עס זאל ערלויבט ווערען צו ביטען די מעמבערשיפ קארד מיט בלויז 1 דאלער אפצאהלונג אויף דעם 10 דאלער לאקאל טעקס.

די רעקאמענדאציעס ווערען איינשטימיג גוטגעהייסען.

עס ערשיינט א פארטרעטער פון דער היברו אימיגראנט איד סאסייטי, וועלכער בעט, דאס אונזער לאקאל זאל זיך אנשליסען אין זייער ארגאניזאציע. די עקזעקוטיווע באארד באשליסט זיך אנצושליסען מיט א יעהרליכער צאלונג פון 25 דאלער.

דער מיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

א צווייטער מיטינג ווערט אפגעהאלטען דינסטאג אווענט, דעם 3טען יאנואר, מיט בר. פארער אלס טשערמאן.

דער פראטאקאל פון לעצטען מיטינג ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

עס ווערט פארגענומען עלעקשאן פאר טשערמאן און בר. וויינבערג ווערט ערוועהלט פאר דעם נעקסטען מאנאט אלס טשערמאן.

עס ווערט פארגעלעזען א באריכט פון דזשוינט באארד פון דעם 28טען דעצעמבער און נאך דעם ווי עס ווערט דיסקוטירט ווערט ער גוט געהייסען.

עס ווערט אויך באשלאסען צו שיקען א צושריפט צו דער דזשוינט באארד, אז די ביזנעס איידזשענטס זאלען אינסטרואירט ווערען מיט'ן אנקומען פון סיזאן, דאס זיי זאלען זעהן, אז די מעמבערס פון זייערע דיסטריקטען זאלען אפצאלען זייערע שולדען צו דער יוניאן.

די קאמיטע, וועלכע איז ערוועהלט געווארען אריינצוברענגען א רעקאמענדיישאן אין דער קלאגע פון בר. גאלדשטיין געגען בר. בארד, ברענגט אריין א באריכט דאס זיי האבען געהאט א מיטינג, ווי יא־בען אויסגעהערט די דערמאנטע מעמבערס און באשלאסען צו רעקאמענדירען, דאס בר. גאלדשטיין איז בארעכטיגט צו קריגען פון בר. בארד ארויסגעצאלט א העלפט פון דער ארבייט וואס עס איז געמאכט געווארען אין דער צייט וואס גאלדשטיין'ס קלאגע געגען דעם מאנופעקטשורער האט זיך געסעטעלט. די עקזעקוטיוו באארד באשליסט גוטצוהייסען דיזע רעקאמענדאציע.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון סעקרעטאר פון יוניטי הויז, אין וועלכען ער לאזט אונז וויסען, דאס א מיטינג פון יוניטי קאמיטע וועגען דעם באל וועט אפגעהאלטען ווערען שבת אווענט, דעם 7טען יאנואר און ער לאדעט איין אונזער עדיוקיישאן קאמיטע צו קומען צו דיזען מיטינג און העלפען מאכען דיזען באל א סוקסעס. די עקזעקוטיוו אינסטרואירט די קאמיטע צו פארטרעטען דיזען מיטינג.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

מ. שעכטער, רעק. סעק.

> ## ווייסטמאכערס פון לאקאל 25, אויפמערקזאם!
>
> לויט דעם לעצטען באשלוס פון דער אינטערנעשאנאל ווערט יעדער מיטגליד, וואס איז שולדיג מעהר ווי פאר 9 מאנאטען דויס, אויסגעשלאסען פון דער יוניאן.
>
> אונזער עקזעקוטיוו באארד האט גענומען אין באטראכט די לאגע אין דער ווייסט אינדוסטריע און די אומשטענדע, אין וועלכע אונזערע מיטגלידער געפינען זיך נאך פון לעצטען צייט אהן ארבייט, און באשלאסען צו געבען א געלעגענהייט די מיטגלידער, וועלכע האבען צוליב די אנגעהויבענע אורזאכען פארנאכלעסיגט אפצוצאהלען זייערע שולדען, אויס גרעסטער צו ווערען. וויל אז נים, וועלען זיי דארפען שפעטער קומען אין דער יוניאן אלס נייע מיטגלידער און איבערגייט איינצאהלען איינטריט געלט.
>
> באנוצט זיך מיט דיזער געלעגענהייט!

אין א קליין שטעטעל

פון מרים קארפילאוו.

(נאוועלע)

(פארטזעצונג)

דעב פאצענטניר'ס טאכטער איז אין רעכטען טומעל געקומען. זייער דינסט האט א גרויסען טארט נאכגעטראגען און זי אליין האט א ייבערנעם בעבער אלס דרשה־געשאנק דערלאנגט.

זי האט זיך געלאזען פאר אלעמען פארשטעלען.

מיט א באזונדערען שמייכעלע האט זי דעם חתן'ס ברודער איהר האנט געגעבען. ברכה'קע האט דעם שמייכעלע געזעהן און איהר געוואונשען אז דער מויל זאל איהר אן א זייט פארדרימען...

זי דאט זיך ביי א י ה ם אויף דער גרויסער שטאדט געניכען נאכפרעגען אין איהר שטעטעל פארענטפערען:

„אינזער שטעטעלע, האט זי מיט איהר שמייכעלע געזאגט, רען צים ערשטען קוק ניט איבערינס שטארק געפעלען, אבער אז איהר וואלט דא לענגער פארבלייבען וואלט איהר געקומען צו דער „זאקליוטישעניע" דאס „דער טייפעל איז ניט אזוי שוואדץ ווי מען מאהלט איהם. וואס האסיעטעאר מ י ר, בין איך פאקטיש א גרויס־שטאטינע. איך פאהר זעהר אפט אוועק פון דאנען."

זי דאט צו איהם גערעדט אידיש און רוסיש. ער האט זיך צוגעהערט צו איהרע „וואאבשטשעס", „ראזוועטאקס", „ניעאווזעלים" און „וו'סאמאבריעליעס" מיט א מינע וועלכע ברכה'קע האט פארשטאנען צו מיינען דאס ער לאכט פון איהר, א י ן ז י ך, פארשטעהט זיך, כדי זי אזוי אפען ניט צו באליידיגען...

עס איז איהר, אזוי מיינענדיג, פרעהליך געווארען. זי האט איהם שוין דערפאר אליין ליב באקומען...

שפעטער צו, ווען ער האט צו איהר ברידערליך א שמייכעל געטאן, האט זי שוין געפיהלט ווי אלעמען, די גאנצע וועלט ליב צו האבען!

ער איז געווען א שעהנער, דעם חתן'ס ברודער, און גערופען האט מען איהם באריס.

ברכה'ן איז דער נאמען זעהר געפעלען געווארען. ס'געווען איבערגעלענט פון ברוך. א ז ו י נאהענט צו ברכה... ב ײ ד ע נ ע ב ע נ ש ט ע...

ווען ער האט דערהערט, דאס ברכה קאן שעהן זינגען, האט ער עס פארוואלט הערען. זי האט זיך געשעמט... זיך געלאזט בעטען...

ער האט געזאגט, דאס אויב זי וועט איהם איצט ניט וועלען לאזען הערען ווי זי זינגט, וועט ער פאר איהר קיינמאל ניט שפילען...

אלץ איז צוגעגאנגען בעסער ווי זי האט ערווארטעט. ער האט זיך מיט איהר זעהר ברידערליך באנומען. מיט זיין איינפאכקייט אין האלטען זיך, גרינגער געמאכט פיהלען וועגען דעם, וואס זיי זיינען ניט קיין מילאנערען, האט ער צום ערשטען קוק דערזעהן און דאס האט איהם גאר ניט געפרוואוט ארען... ער האט זייער עסען ניט נאר ניט ק ר י ט י ק י ר ט, נאר ג ע ל ו י ב ט, אויפגעגעסען וויפל מען האט איהם געגעבען, און צו ווייזען ווי גוט דאס איז — נ א ך געבעטען.

ברכה איז געווען גליקליך: אויסער אלעס, מעהר ווי אלץ איז איהם איהר לבנה מיט איהר טייך געפעלען געווארען. זי האט איהם דערפאר אין זיך אייביגע ליבע געשווארען און די לבנה מיט'ן טייך פאר עדות געשטעלט...

צי האט זי איהם ניט צו גיך ליב באקומען? — האט זי ז י ך געפרעגט, און זי האט זיך געענטפערט, אז ניין. זי האט דאך איהם שוין אנגעהויבען ליבען, ווען פריידע האט פון איהם אנגעהויבען ריידען. זי האט דאך איהם שוין לאנג אין די ראמאנען באגעגנט...

און נאך אלעמען איז ער דאך עפעס אן אייגענער געווען: איהר שוועסטער'ס מאנ'ס א ברודער!...

די יונגנוארג האט זיך פון די עלטערע אפגעטיילט און איז צום טייך אוועק. פאר'ן שיין פון, דער לבנה א ביסעל צווישען זיך פארברענגען.

באריס האט אלץ געבעטען ברכה'ן, אז זי זאל עפעס זינגען. און זי האט זיך געלאזט בעטען. דאס איז נים געווען אויס קאקעטעריע, ווי צוליב דעם, וואס זי האט נים געוואוסט, וו א ס פאר א י ה ם צו זינגען. אויף יעדער ליד האט זי מיט א נייעם חסרון געפונען. ענדליך איז זי איינגעגאנגען אויף דעם:

„וויכאזשו אדין יא נא דארגו".

— ז ע ה ר שעהן! — האט ער מיט אנטציקונג אויסגערופען, ווען זי האט אפגעזונגען. — אבער, צו טרויעריג... זינגט עפעס א אידיש פאלקס־לידעל.

— גוט זיין נאך טרויעריגער...

— עס זיינען פארהאן אזוי פיל פרעהליכע לידער.

— און זי קאן זיי א ל ע! — האט אימיצער פון דער גרופע געזאגט.

— זאל זי זינגען: „די זאהלע פארנעהט פארנאכט", וועט איהר שוין הערען...

— נו, גוט, זינגט עס — האט זי באריס געבעטען. — לאמיר הערען וואס איז דא ביי אייך פאר א זאהלע, וואס פארנעהט פארנאכט... — און ער האט געלאכט.

— ס'איז איהר געווען קלאר, דאס ער לאכט און זי האט זיך עטוואגט צו זינגען; זאל ער עפעס זינגען, וואס עפעס אליין איז...

ער האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען. געזונגען „גליאדיש נא לוטיש" און „פארא גניעדיך" און „פלאטש, פלאטש", זיך האט זיך אנגעהויבען מיט „מלטשא מי סטראניעש"... און אך א פאר אידישע לידלאך וואס מען האט צו יענער צייט אין א קאפעשאנטאן געזונגען.

איהר זינגט טאקע „פראיוילנע" פון נאטען, האט איהם ברכה מיט א זיפץ געזאגט. אבער איך —

— איהר זינגט פון הארצען — האט ער איהר געזאגט.

אבער איהר הארץ האט אין איהר געזונקען פאר וואס זי קען ניט אזוי גוט ווי ע ר זינגען. איהר שטימע, פון וועלכער אלע און זי אליין האבען אזוי פיל געהאלטען, האט ביי איהר מיטאמאל דעם נאנצען חן אנגעוואוירען: אט אזוי ווי ע ר דארף מען זינגען, אזוי ווי ע ר, אז ניט איז — נא־ניט...

— וואס זייט איהר מיט אמאל אזוי אומעטיג געווארען? האט איהר באריס געפעטער, אז א זייט פון די איבעריגע געשטיל געפרעגט.

זי האט איהם ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. דאס פארבלייבען מיט איהם אליין ווייט פון אנדערע האט א באזונדערען קלאפען אין איהר הארצען ארויסגערופען, זי האט זיך אנגעבויגען, אפגעבראכען א ריטעל, אפגעווארפען א שטיינדעל און זיך אויף א דערבייאיגען שטיין אוועקגעזעצט.

— פאר וואס ענטפערט איהר מיר ניט? האט ער מיט זיין האנט איבער איהרע האר לייכט א פיר געטאן. וועמען וואס טראכט איהר דאס אזוי?

— וועגען — וועגען דער לבנה!...

— וואס קענט איהר וועגען דער לבנה טראכטען?

— וואס? — איך וואלט וועלען זיין אזוי הויך ווי זי...

— צו וואס אזוי הויך?

— צו וואס? א י ה ר וואלט צו מיר דאן מיינען ארויפקוקען.

— אט צוליב וואס!?... אזוי?

איהר הארץ האט איהר איצט שטארק געקלאפט פאר ענטציקונג וואס דער „ראזנאוואר" איז ביי זיי עפעס אזוי ניט איינגעקומען...

— איז אייך ניט ניט, האט ער געפרעגט אז איך שטעה אזוי נאהענט צו אייך און קוק אויף אייך ארונטער?

זי האט קלוג געשוויגען.

— פארשטעהט איהר ניט דאס וועלנדיג זיין אזוי הויך ווי די לבנה, הייסט אזוי גוט ווי צו ווינשען זיך צו זיין זעהר ווייט פון מיר?

יע...

— און דאך? —

„ברכה'קע, וואו ביזטו?" האט זיך פון שטיבעל געלאזט הערען.

— מ'זוכט מיך, מ'רופט מיך — האט זיך ברכה'קע א כאפ געטאן: די מאמע דארף מיך האבען.

עס האט איהר הנאה געטאן וואס מ'האט איהר צו דער צייט א רוף געטאן און צוגלייך פארדראסען: ער איז אזוי ניינעריג געווען איהר ענטפער צו הערען!...

„בערטהא, בערטאטשקא"...

אך ווי שעהן ער האט דאס ארויסגעזאגט! קיינער האט זי א ז ו י שעהן קיינמאל ניט גערופען... קיינער ניט!...

— בערטאטשקא, פאר וואס אנטלויפט איהר פון מיר?

— איך וועל נאר צולויפען זעהן צו וואס מען דארף מיך.

— וועט איהר באלד צוריקקומען?

— יע...

— וועל איך דאווארטען...

זי איז צוגעלאפען צום הויז, געהערט אז מען רופט זי מעהר נים, האט זי זיך געשיקט אויסגעדרעהט און צוריק צו איהם געקומען.

— שוין? אויף וואס האט מען אייך בארארפט האבען?

— אה, אויף נארישט — האט זי פארשעמט פאר דאס שנעלע צוריקקומען, געענטפערט. ס'איז אזא געוואוינהייט ביי מיין מאמען אלע ווילע מיין נאמען אויסצושרייען.

— איהר ווייסט, הא טער זיך צופוקענדיג גוט צו איהר, שמייכלענדיג געזאגט, — מיין ברודער האט אייך פאר מיר שטארק פארלויבט.

— און מיין שוועסטער האט אייך געלויבט.

— טאקע?

— טאקע! און זיי האבען גיך ביידע קינדיש הארציג צו לאכט.

— וואס לאכט איהר? — האט ער זי לאכענדיג געפרעגט.

— וואס לאכט איהר?

עהרליכע מיטגלידער פון די ביידע יונ-
יאנס, פון דער דרעסמייקערס און ווייסט-
מייקערס יוניאן, און פאר דער לייזונג פון
דער פראגע איז אונטערגענומען געווא-
רען דער שטארקסטער ארגאניזאציאנס-
קעמפיין, וואס איז ווען אונטערגענומען
געווארען. מיר צווייפלען ניט אין דעם
ערפאלג פון דעם קעמפיין, ווען ער וועט
אויסגעפירט ווערען מיט דעם נויטיגען
ערנסט, מיט דעם פייער, מיט דער גרינד-
ליכקייט, וואס איז נויטיג פאר יעדער שווע-
רער ארבייט. אין איינמאל וועלען אלע,
וועלכע רעדען נאר צולענען מיט א האנד,
נעהמען זיך פאר די דאזיגע ארבייט, ווע-
לען ישוין בכיוא ניט קריגען זיי אין די
רעם ארגעליי נארישקייטען, און עס וועט
נעהמען א סוף צו די רייסערייען און קרי-
גערייען, וועלכע האבען נאר געדינט די
אינטערעסען פון די עקספּלואטאטארס,
און שטארק געשעדיגט די אינ-
טערעסען פון די ארבייטער.

*

דאס איז און דאס דארף זיין דער
איינציגער געדאנק פון די ארבייטער אין
דער דרעס- און ווייסט-אינדוסטריע
צו ארגאניזירען די ארבייטער אזוי
שטארק, אזוי מעכטיג, ווי דאס זיינען די
קלאוקמאכער. און דאס איז געוויס ניט
א פאנטאזיע. די קלאוקמאכער זיינען
ניט געהנאטען פון אן אנדערען און בע-
סערען טייג, ווי די דרעס- און ווייסט-
ארבייטער, און ווען די קלאוקמאכער הא-
בען זיין אזוי מעכטיג ארגאניזירט, איז
ניטא קיין גרונד, ווארום זייערע ברידער
און שוועסטער פון דער דרעס און ווייסט-
אינדוסטריע זאלען עס ניט קענען. אין
ווען דאס וועט ווערען א פאקט, דאן הא-
בען קיין כמשות ניט אלע פרעטענזיעס
און פאדערונגען פון די באסעס; דאן
וועלען זיי הריגען דעמזעלבען גרינדליכען
ענטפער, וואס די קלאוק-מאנופעקטשו-
רערס האבען געקראגען. דאס מיינט ניט
צו זאגען, אז ביז דאן וועט דער דזשאינט
באארד פון דער דרעס און ווייסט אינ-
דוסטריע לאזען די באסעס בושעוען.
אח, ניין, דאס זאלען זיי זיך אויף איין
מינוט ניט איינרעדען, און וועלען זיי
דאס דאך טאן, ווערען זיי מאכען דעם
גרעסטען טעות פון זייער לעבען. מיט
זייערע חוצפה'דיגע פאדערונגען וועלען
זיי ערשט רעכט פארגיכערען דעם פרא-
צעס פון פארשטארקערונג און פאראייני-
גונג פון די ארבייטער. נאר, וואס די
באסעס זאלען ניט אונטערנעהמען אין
דעם איצטיגען מאמענט, דאס איז פון די
קנאפסטע זארגען. וויכטיג איז, וואס
דער גייסט פון איינלעבונג, פון ארגא-
ניזאציאנס-ארבייט, פון ארבייט איבער-
הויפט, און ניט גלאט פון פראפעלערי,
האט ארייננעדרונגען אין די דאזיגע גרוי-
סע יוניאן. אויך דאס שרייבען מיר צו
צו דעם גרויסען קלאוקמאכער דאנק.
נאר וועלכע עס זאל ניט זיין די אורזאכע,
דער פאקט פון אויפלעבונג איז, אויב מיר
נארען זיך ניט, א זיכערער, און אינציגווייז
פעלהאפטער. די פעריאדע פון בראנ-
דזשען איז פאראיבער, און די באסעס
מעגען דאס נעהמען שטארק אין אנבא-
טראכט אין אלע זייערע בייזע פלענער,
וואס זיי שמידען געגען די ארבייטער.

—

פילע פראבלעמען אין אונזערע אינדוסטריען.

דער גרויסער קלאוקמאכער-סטרייק,
וואס האט זיך געענדיגט אזוי גלענצענד
לעצטע וואך, וויכטיג ווי ער איז אין דעם
מאמענט און וויכטיג ווי ער וועט זיין
פאר יאהרען און יאהרען שפעטער,
זיינען דאך דא פילע פראבלע-
מען אין דער קלאוק-אינדוסטריע, ווי
אויך אין פילע אנדערע אונזערע אינדוס-
טריען, וועלכע דארפען געלייזט ווערען;
און כדי זיי זאלען געלייזט ווערען, דאר-
פען די ארבייטער אליין זיין גאנץ קלאר
וועגען דעם.

אט זיינען בלויז איניגע, אויף וועל-
כע מיר ווילען אנווייזען.

אין דעם איצטיגען קאמף איז פיל גע-
רעדט געווארען וועגען דער איינפיהרונג
פון א „סטענדערד אוו פראדאקשאן".
ס'זיינען דא מאנ. וועלכע וועלען איבער-
שרייען, אז זיי קריגען ניט פון זייערע
ארבייטער געגוג ארבייט, באטש די אר-
בייטער מעגען טאן דאס בעסטע, מוז מען
דאך זעהן אויסגעפינען עפעס א מיטעל,
ווי אזוי פון איין זייט זאל געמאכט ווע-
רען א סוף צו דעם בייזוויליגען געשריי
פון די באסעס, אז די ארבייטער ארבי-
טען ניט, און, פון דער אנדערער זייט, צו
דעם בייזוויליגען סאבאטאזש פון מאנכע
געצעהלטע ארבייטער, וועלכע זיינען גע-
וויס ניט קיין כבוד פאר אונזער יוניאן.
דאס איז א זעהר וויכטיגע פראגע,
איבער וועלכער די ארבייטער דארפען
שטארק טראכטען און פארשען, כדי זיי
זאלען קענען אויסגעפינען דעם ריכטיגען
ענטפער. ניט נאר א ריכטיגען ענטפער
אין טעארעטישען זין, נאר אויך אזא,
וואס זאל קענען ארבייטען אין דער פראק-
טיק.

אין אט איז נאך א פראבלעם. אין
אלע אינדוסטריען איז עס א כלל, אז די
גרויסע פערמאגע פארניכ-
טעט די קליינע פערמאגע. די גרויסע
פערמאגע מיט איהר גרויסער מאשינעריע,
מיט איהר פיינער ארבייטס-טיילונג
[illegible]
[illegible]
מיט איהרע גרויסע באלעגענטע מיטלען
איז דאך ניט איינציגארטיג, אין דערפאר
מוז דער קליינער מאנופעקטשורער סוף
כל סוף אונטערגעהן. אין דער קלאוק-
אינדוסטריע איז עס אבער פונקט פארקערט.
דער קליינער מאנופעקטשורער איז נאך
דער געפערליכער קאנקורענט פון דעם
גרויסען. אין דער קלאוקמאכער-יוניאן, דאס
די קליינע קאנטראקטאר-שאפען, ווי
[illegible] נאך א צייט. דאס איז גע-
[illegible]
פאר דאס רעכט אין [illegible] פון דער
יוניאן אין [illegible]
[illegible] אז די קליינע פערמאגעס זאלען
[illegible] אין אויך זייער
פראכט [illegible] און מעהר און
מעהר קליינע פערמאגעס. ווי אבער
דערגרייכט מען עס? ווי אזוי זאל מען
דערצו?

איך צו ענטפערען אויף דער פראגע,
דארף מען ערשט [illegible] ניט פארגעסען,
[illegible] אינדוסטריע א
[illegible] אין [illegible], וואס
[illegible] פאר דער יוניאן, אז
די גרויסע אינדוסטריען פון יעדער איין
[illegible] אין [illegible] די
ארבייטער [illegible] וואס קען פארשטעהן,
[illegible] און ענטפער אויף
די [illegible] פראגע, אויב [illegible]
נאטירליך טאן נעגען דעם

אין אט איז נאך א פראבלעם. אין
די נעמליכע אינדוסטריען איז עס אן
אנגענומענער כלל, אז וואס יונגער אר-
בייטער בייטען זיך אין אן אינדוסטריע,
אלץ בעסער פאר דער אינדוסטריע. און
דאס איז גאנץ פארשטענדליך. דער
בעסטער ארבייטער נעהמט צייט, ביז ער
ארבייט זיך איין אויף א נייעם פאך.
דערווייל ווערט צייט צוריבען, דערווייל
פארדינט ער ניט גענוג. ווערט דער-
פון די אינדוסטריע. ביי אונז איז פאר-
קערט. וואס מעהר די ארבייטער ביי-
טען זיך אין א געוויסער פעהלער, דאס
בעסערט איז דער מאנופעקטשורער, און
איז פארשטענדליך אויך ווארום; דער
נייער ארבייטער ברענגט פאר אזוי לאנג,
ווי דער באס רעכנט ציהען, ביז דעם מי-
ניטום-ווייזע; פארנליך, וואס מעהר
נייע ארבייטער א מאנופעקטשורער האט,
וואס מעהר ער פעהלט די אלטע און נעהמט
אן נייע, אלץ גרעסער איז זיין פראפיט,
און זיין לאגע אין פארגלייך מיט דעם
מאנופעקטשורער, וואס פעהלט ניט זיינע
ארבייטער, איז נאטירליך א פיל גינסטי-
גערע. געגען דעם מוז עטוואס געטאן

[illegible]

איינער פון די [illegible] א
[illegible] א
אינדוסטריע [illegible]
די ארבייטער [illegible]
דעם; [illegible]
נען [illegible] א
[illegible] אין דעם [illegible]
[illegible] א פראן [illegible]
[illegible] פון [illegible] אין די [illegible]
[illegible], פיל פיל
[illegible] די ארבייטער. אין נאר
[illegible] אין [illegible]
[illegible] אין די אנדערע [illegible]
[illegible]
[illegible] פאר [illegible]
[illegible], אז זיי [illegible]
[illegible] פאר די [illegible]
פון דעם. די ארבייט איז א [illegible]
טיגע, אין וואס פערער די ארבייטער
וועלען צוטרעטען צו איהר, דאס בעסער;
אין דער זעלבער צייט בעטען מיר אונזער
רע לעזער, וועלכע האבען עצות צו זא-
גען איבער אט די אדער אנדערע פראגע
בלעטען אין אונזער אינדוסטריע, אונז צו
שרייבען וועגען דעם. מיר וועלען זייער
געפינען פראץ פאר אזא וויכטיגער דיס-
קוסיאן אין אונזער „גערעכטיגקייט".

א קליינער גוי מיט א גרויס היטעל

(פעליטאן) — פון ז. [illegible]

די צייטונגען האבען די טעג גע-
בראכט א ידיעה פון וואשינגטאן אז דער
דר. לאנדער ה. א. וואן קארנעבעק
פארדינט גאר אין ניכען א הויז. דער דאק-
טאר מיט אט'א דעם נאמען איז דער
מיניסטער פון אייגענדיישע ענינים אין
האלאנד, און געהמען אין אמעריקא איז
ער אין דער שפיץ פון דער האלענדישער
דעלעגאציע צו דער וואשינגטאנער אנט-
וואפענונגס קאנפערענץ.

צווישען די ניין פעלקער וואס הא-
בען געשיקט דעלעגאציעס צו הארדינג'ס
קאנפערענץ איז האלאנד געווען די איינ-
ציגע וואס האט זיך ניט באטייליגט אין
דער גרויסער מלחמה. האלאנד האט די
גאנצע צייט פון דער מלחמה אנגעהאל-
טען א נייטראליטעט און ניט געהאלטען
ניט מיט יענעם ער אין ניט מיט יענעם;
היינט צו וואס ווילט איז זי געקומען צו
דער קאנפערענץ? אז בסך הכל איז די
מדינה גרויס בלעט ווי ארץ ישראל, און
די באפעלקערונג פון האלאנד איז אפשר
ניט גרעסער ווי די אידישע באפעלקע-
רונג פון אמעריקא, און די שפראך פון
די האלענדער איז עפעס א מין האלדער-
האלדער לשון וואס קיינער פארשטעהט
ניט, טא צו וואס שטופט זיך אזא
מדינה'לע צווישען די גרויסע לייבען
און בערען? מ'וואלט געקאנט אפשר
מיינען אז די דעלעגאציע איז דא געקו-
מען זיך פאראנטפערען פאר די אמעריק-
קאנער „באיעס" הלמאי האלאנד האט
ביי זיך ארויסגעכאפט דעם קייזער. ווי
מיר געדענקען נאך אלע, זיינען די אמע-
ריקאנער „באיעס" געלאפען קיין איירא-
פא „טו העג די קייזער" — כאפען דעם
קייזער און איהם ברענגען פאר א מלחמה
סאוועניר קיין אמעריקא; האט דער
קייזער זיך מיישב געווען און אנשטאט
זיך לאזען ארומפיהרען איבער אמעריקא
ווי א מאלפע איז ער בעסער אוועק קיין
האלאנד און געווארען א האלץ-העקער
— אבער די אמעריקאנער „באיעס"
וואלטען איצט מוחל געווען צעהן קיסרים
פאר איין דזשאב...

אז די „עליים" זאל זיך ווען עס איז
פארגליסטען איינצופיהרען דעמאקראטיע
אין האלאנד איז אויך ניטא וואס מורא
צו האבען; ערשטענס, ווערט האלאנד
רעגירט פון א מלכה און די „עליים"
האלטען זעהר פון דאמען-עהרע און וועלען
זיך ניט ארייננמישען אין די געשעפ-
טען פון א דאמע; און צווייטענס, איז
דאס א מלכה א שטילע טויב, ניט מען
הערט זי, ניט מ'זעהט זי — טא ווא-
רום זאל מען זיך פרייציג טשעפען צו
איהר.

פארכאפען די אינדוסטריע אין הא-
לאנד זעהט זיך אויך קיינעם ניט פארגלוס-
טען, ווייל נעה כאפ דעם ווינט — און
דער ווינט איז די הויפט אינדוסטריע אין
האלאנד. א האלענדער אהן א ווינט-
מיהל איז, להבדיל, ווי א איד אהן א
„לאנטש-רום". די גרעסטע אמביציע פון
א האלענדער ספארט איז צו דערגרייכען
א פאר נייע הילצערנע פאנטאפעל כדי ער
זאל קאנען נושא חן זיין ביי דער פלאק-
סענער האלאנדעריכע מיט'ן אנגעראב-
מאלטען טשיפעה.

היינט צו וועלכען גוטען יאהר פאר-
שווענדט דאס אזא מדינה'לע עטליכע
צעהנדליג טויזענט גולדען אויף א דעלע-
גאציע? עס קומט אוים ווי מ'זאגט:
דער שמ'ער האוועט דאס פערד און די
וויאבקע שטעלט אונטער די לאפקע...

אין דער תירוץ — אינטערעסען. הא-
לאנד איז געקומען אין וואשינגטאן בא-
ווארענען איהרע אינטערעסען. כפי,
אזוי ווי עס ווערט אין וואשינגטאן אפ-
געהאלטען א קאנפערענץ צו איינפיהרען
שלום אויף דער וועלט, און אזוי ווי
די נעקסטע מלחמה ריכט מען זיך זאל
פארקומען אויף דעם פאסיפישען אקעאן...
בכן מוז האלאנד זיך באווארענען, ווייל
אין יענעם געגענד האט זי אינטערעסען.
דארטען געפינען זיך די „דאטש איסט
אינדיעס". און אזוי ווי בעת מלחמה קאן
זיך פארגלוסטען איינעם פון די צדדים,
איידער וואס זואו, דערוויל פארכאפען
האלאנד'ס מאיאנטקעס, די „דאטש
איסט אינדיעס" — אט, ווי למשל, די
דייטשען האבען זיך אויף דערוויל גע-
האט אריינגעכאפט אין בעלגיום — וויל
האלאנד זיך בעסער איצטער באווארענען.
אויב ניט, וועט איהר אויסקומען אויסצו-
בויען א פלאט פאר 435 מיליאן גולדען,
און אזא סומע איז ניט פאר דער מלוכה'ס
בייטעל... סיידען מ'זאל אויספארקויפען
אלע ווינט-מיהלען מיט אלע פאנטאפלען.
ווער וועט זיי אבער קויפען?

און דאס שטיקעל נחלה, וואס האלאנד
פארמאגט אין יענעם געגענד, צווישען
אזיע און אויסטראליע, איז גראדע ווערט
דעם פרייז. אין דער לענג אויסגעמעסטען
דיג פארנעמען די „דאטש איסט אינ-
דיעס" א שטח ווי פון ניו יארק ביז סאן
פראנציסקא. אגב אורחא, וויפיעל איז
אפגעזאגנען אז טאקע דער שטח אויך זאל
באלאנגען צו האלאנד? דער אינזעל יא-
ווא פון די איסט אינדיעס איז אזוי גרויס
ווי ניו יארק; סומאטרא איז גרויס ווי
קאליפארניע; האלאנד'ס חלק פון באר-
נעא איז די גרויס ווי גאנץ פראנקרייך;
איהר טייל פון ניי גווינעא פארנעמט א
שטח די גרויס ווי יאפאן, און בכללות
איז א כך גרעסער ווי ניו יארק.

האט זיך א קליינער גוי א גרויס
א גרויסע היטעל.

און שוין קיין וואונדער ניט וואס דר.
לאנדער ה. א. וואן קארנעבעק איז גע-
לאפען [illegible] מיט זיין דעלע-
גאציע קיין וואשינגטאן. אז האלאנד
האט ניט די אינזלען [illegible] איז דאך
איבעריג צו זאגען. די ראיאל דאטש פעט-
ראלעאום קאמפאני האנדעלט מיט דער
סטאנדארד אויל קאמפאני. [illegible]
ווארט דאצע וואס ברענגט אויך א היבש-
שע הכנסה, און א חוץ דעם זיינען די
אינזלען רייך מיט רייז, טאבאק, פעפער,
אינדיגא און אנדערע טראפישע פראדוק-
טען.

ווי קומט צו אזא קליין מדינה'לע [illegible]
האלאנד אזא פעטער ביסען אזוי מעבר
ליב? נו, אזעלכע קשיות פרעגט מען
ניט. עס איז מיט'ן רבינ'ס כח. [illegible]
ווי קומט צו אזא [illegible]
קליין פאלק ווי די האלענדער די [illegible]
איבער א האלבע וועלט? אז מ'זאל ווי-
לען אנהויבען פרעגען קשיות איז דאך
ניט שייך; מען קאן דאך אזוי אריינפאל-
לען אין אלף קשיות.

די הויפט זאך איז וואס זיינטיגע יא-
רען קאן מען גארניט וויסען וואס איז
וועה. ליגט זיך דארטען ביים ברעג ים
הינטער דייטשלאנד א פאלק'עלע וואס
שפיעלט זיך מיט א מלכה, טרייבט ווינט-
מיהלען, רייכערט ליולקעס און לאבט מיט
די הילצערנע פאנטאפלען. ווארט מען
דאך געקאנט מיינען אז עס איז גאר די
נשמה שולדיג [illegible] אויך אז עס [illegible]
ערגעץ א [illegible] אין אז עס ציטערט
די הויט אויף דעם [illegible] א
מלחמה אין פאסיפיק.

פאר די מלחמה-קרבנות.

ברודער כ. קאטץ, שאפ טשערמאן
פון דער „אייזענט האסטים קא.", 41
וועסט 25טע סטריט האט געזאמעלט פון
דער פירמע 25 דאלאר פאר א [illegible]
שטראף און האט דאס געלט אפגעגע-
בען פאר די מלחמה קרבנות אין
רוסלאנד.

GERECHTIGKEIT

A Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
[illegible], President   S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas.   ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.

Vol. IV. No.   New York, Friday, Jan. 27, 1922.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

די באדייגע ווירקונג פון דעם קלאוק־מאכער קאמף.

א חוץ די פאר אידישע בעטלעריישע בלעטלאך, וועמעס נאגנער בטאק־אין טרייד איז צו זאגען פונקט דאפיר אויס עלט, וואס ווערט אנערקענט פון ארעמע וועלכע קאנען דענקען גרייך, פאר נוט אין שעה, איז די גאנצע ארבייטער־פרעסע פול מיט דעם העכסטען לויב פאר אונזער זיג און קאמף. אונזער קאמף ווערט באטראכט פון ארעמען פאר א מוסטער־קאמף; די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, ווערט אלגעמיין צוגעגעבען, שטעהט איצט אין פאמע פראנט פון דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג; און דער אלגעמיינער געדאנק אין די יוניאן־קרייזען איז, אז געהן אין די פוסטריט פון דער אינטערנעשאנאל, איז דער איינציגער וועג, וואס קען און מוז ארויספיהרען די ארבייטער־באוועגונג פון דעם לעטהארגישען צושטאנד, צו וועלכען די טאקטיק פון די באסעס און די פאליטישענס האבען איהר געבראכט. עס וועט ניט זיין איבערטריבען, ווען מיר וועלען פארגלייכען דעם קאמף פון די קלאוקמאכער צו א פרישען געזונטען ווינטעל, וועלכער האט א בלאז געטאן נאך א לאנגער צייט פון טריקעניש, פון ברענעניש, ווען די ענערגיע פון אלעס, וואס לעבט און אטעמט, איז געווארען אזוי אפגעשוואכט, אזוי פארחלש'ט. דער נאר־וואס געענדיגטער קלאוקמאכער סטרייק, סיי מיט זיינע מעטאדען און סיי מיט זיין דערגרייכטען ציל, איז ניט נאר פון לאקאלער באדייטונג, פון גרויסער באדייטונג פאר אונזערע נאדעל־אינדוסטריעס און פאר אלע אנדערע אינדוסטריען, אין וועלכע אונזערע אימיגראנטען זיינען מעהרסטענס באשעפטיגט, נאר אויך פון גרויסער נאציאנאלער באדייטונג. ווארים דער קלאוקמאכער סטרייק, א דאנק זיינע מעטאדען, איז פון אנפאנג אן געווארען א נאציאנאלע פאסירונג. די פעדעראל־רעגירונג אין וואשינגטאן, אונזערע ניו יארקער קאורטס, אונזער גאווערנאר — אלע, אלע האבען זיך פאראינטערעסירט אין דעם גרויסען קאמף. דערפאר איז ניט געווען קיין איינציגע צייטונג אין לאנד, וועלכע האט געקאנט זיך פארגינען צו פארשווייגען דעם קאמף. די העדקוואטערס פון דער אינטערנעשאנאל זיינען אין דער גאנצער צייט פון קאמף פארוואנדעלט געווארען אין א טריבונע, פון וועלכער דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל האט געמאכט הערען זיין שטימע פאר דעם גאנצען אמעריקאנער עולם, ארבייטער און ניט־ארבייטער. און עס איז ווירקליך אונמעגליך אפצושעצען דעם גרויסען ווערט פון דער דאזיגער טרייד־יוניאן־פראפאגאנדע, וועלכע איז געמאכט געווארען פון אונזער אינטערנעשאנאל אין די לעצטע פאר מאנאטען פון דעם קלאוקמאכער קאמף. און — מערקט אייך — דאס אלעס האט די אינטערנעשאנאל אויסגעפיהרט ניט ספענדענדיג קיין סענט אויף דעם.

**

מיר זיינען, גלויבען מיר, ניט צו אפטימיסטיש, ווען מיר וועלען דא אויסדריקען אונזער האפנונג, אז פון איצט אן און ווייטער וועט די אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג אנהויבען ריידען גאנץ אנדערע דיבורים, ווי ביז איצט. עס וועט פארשווינדען די נידערגעשלאגענקייט, די מוטלאזיגקייט, וועלכע האט פאראליזירט די כוחות פון די ארבייטער. מען וועט ניט מעהר זיך באהאלטען הינטער די ביז צום איבערדרוס צוגעגעסענע פראזע פון „אומשטענדען", „שלעכטע צייטען", און, פאלגליך, איז די קלוגסטע זאך איינבויגען דעם קאפ און זיך אונטערווארפען צו דאס „אונפארמיידליכע". דער זיג פון די קלאוקמאכער האט דעמאנסטרירט, אז פאר מענשען מיט א פעסטען ווילען זיינען די אומשטענדען און די צייט ניט אזוי שטארק, וואס קען ניט באזיגט ווערען; אז די שוועריגקייט פון קאמף קען נאר פארפילפאכען זייער קאמף־ענערגיע. מען וועט זיך אנהויבען ארומזעהן אין אונזער ארבייטער־וועלט, אז צו יעדער צייט, זייט בייט זייט מיט די שווערע אונגינסטיגע אומשטענדען, זיינען אויך דא גינסטיגע אומשטענדען; נאר מען דארף זיי קענען געפינען און דאן באנוצען זיך מיט זיי, מיט שכל, מיט טאקט.

מיט דער פולסטער פארטענערונג פון די רעגירענדע פארטייען.

**

דאס וועט זיין דער גרויסער רעזולטאט פון אונזער קאמף פאר די גאנצע ארבייטער־באוועגונג, וועלכע וועט פון איצט אן אין ווייטער האבען א פיל לייכטערען וועג, וועלכן די אינטערנעשאנאל, אלס פיאנער, האט פאר איר שוין דעם וועג אויסגעטראטען, און האט אפגעראכטן די באדייטענדסטע שטיינער, אן וועלכע ביז איצט יעדער ארבייטער־קאמף איז געשטרויכעלט געווארען. אט זיינען ביי א פאר פאקטען פון די לעצטע פאר טעג, וועלכע וועלען באשטעטיגען אונזער באהויפטונג. דושאדוש הינקלי, דער וועלכער דושאדוש, וועלכער האט אין זיין אונפארערעקייט שיער־שיער ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן געגען די אינטערנעשאנאל צו די קלאוק־מאנופעקטשורערס, וועלכע געהערען צו דער זאגענאנטער „אמעריקאן פלאן", האט אויך אזוי פיל געלערנט אין די לעצטע פאר טעג, דאס ער האט, אויף דעם פארלאנג פון דער יוניאן פון די מואווינג־פיקטשור אפערייטארס, ארויסגעגעבען אן ארדער צו די אייגענטימער פון א מואווינג־פיקטשור־טעאטער אויף דער זיבעטער עוועניו, אז זיי מוזען אנגעבען די אורזאכען, ווארום זיינען די יוניאן־אפערייטארס אפגעזאגט געווארען, ווען די קאמפאניע האט געהאט א קאנטראקט מיט דער יוניאן צו באשעפטיגען בלויז יוניאן־לייט ביז סעפטעמבער, 1922.

**

עס איז ווירקליך צו באוואונדערען די ערציהערישע ווירקונג פון אונזער קלאוקמאכער קאמף ניט נאר אויף דעם גרויסען עולם אין אלגעמיין, ניט נאר אויף אונזערע קלאוקמאכער, נאר אויף אונזערע ריכטער, וועלכע זיינען וועניגער, ווי אלע אנדערע, מסוגל צו לערנען עפּעס נייעס. דער דאזיגער פאקט, די דאזיגע האנדלונג פון סופרים קאורט דושאסטיס הינקלי מוז איינעם מאכען צו דענקען, אז אין די פאר וואכען האט זיך דער מענש אינגאנצען געענדערט, אזוי ווי ער וואלט נאר איצט דערזעהן א נייע ליכט. אין זיין ארדער אנערקענט ער די עקזיסטענץ פון אזא בריאה, ווי א יוניאן־ארבייטער, וואס אינטערעסירט זיך, לויט זיין מיינונג, פון דעם מין ארבייטער בכלל. ריכטער הינקלי אנערקענט פיל און גאנץ די עקזיסטענץ־בארעכטיגונג פון אן ארבייטער־יוניאן! ווי ווייט, ווי פונקט קאפויער איז די דאזיגע ריכטערליכע מיינונג פון דער מיינונג פון דעם ברוקלינער דושאדוש וואן סיקלען, וועלכער האט ערשט ניט לאנג גאנץ עפענטליך ערקלערט, אז די קאורטס מוזען אימער שטעהן אויף דער זייט פון קאפיטאל!

**

און אט איז נאך א פאקט, וועלכער קען דירעקט צוגעשריבען ווערען צו דער ווירקונג פון דעם גרויסען קלאוקמאכער־קאמף. עס איז שוין א היבשע צייט, ווי אונזער לאקאל 66, וועלכער באשטעהט פון אלערליי עמבראידערערס, פיהרט אן א קאמף געגען פילע עמבראידערי־מאנופעקטשורערס. אויך זיי האבען געבראכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן און האבען געפאדערט, אז די יוניאן־ארבייטער זאלען ארבייטען פאר קלענערע ווייזדושעס און לענגערע שטונדען. נאטירליך, האט אונזער לאקאל, פאלגענדיג דער אלגעמיינער פאליסי פון דער אינטערנעשאנאל, ערקלערט געגען פילע מאנופעקטשורערס א קאמף. האט א געוויסע עמבראידערי־פירמע זיך געווענדעט צום קאורט פאר אן אינדזשאנקשאן געגען די ארבייטער: זיי סטרייקען, זיי פיקעטען איהר פעקטארי, זיי ריידען צו די ארבייטער, מיט וועמען די פירמע האט געשלאסען אגרימענטס, אז זיי זאלען ברעכען דעם אגרימענט און זיך אנשליסען אן דער יוניאן! די פירמע איז געווען, נאטירליך, זיכער, אז זי וועט קריגען אן אינדזשאנקשאן, ווייל פיקעטען אליין איז דאך ניט קיין זעהר כשר'ע זאך, און דערצו נאך זיינען די סטרייקער אזעלכע רשעים, וואס זוכען צו ברעכען די הייליגקייט פון קאנטראקט צווישען ארבייטער און באס. כו זיי יועם קענען דער ריכטער פסק'ענען געגען זיי, אבער אויסגעלאזען האט זיך, אז דער ריכטער האט געפסק'ענט צו גונסטען פון דער יוניאן. ריכטער וואגנער אין זיין פסק זאגט צו די באסעס, אז זיי קומען אין קאורט מיט נאריגע קיין ריינע הענד. ווי אזוי, אגרימענט־ברעכער, האבען ניט קיין רעכט צו קומען מיט דער טענה, אז די סטרייקער זאלען ניט ווייטער איינמישען סקעבס אויפצוברעכען דעם אגרימענט, דעם כלומרשטייגען אגרימענט, וואס די באסעס האבען זיי געגעבען. וואס אנבאטרעפט דאס רעכט צו פיקעטען, זוכט ריכטער וואגנער ארויס אפען אין דער, אז

„דאס פיקעטען איז א קאנסטיטוציאנעלע רעכט, וועלכע קען פון קיינעם ניט איינגעצוימט ווערען. און עס איז גאר קיין נפקא מינה ניט — ערקלערט דער דושאדוש — צי עס איז דא איין פיקעט, אדער פילע; רעכט אדער אונרעכט ווערט ניט באשטימט דורך די צאהל. די האנדלונג פון איינעם, אויב זי איז א געזעצליכע, ווערט ניט פארוואנדעלט אין אן אונגעזעצליכע, ווען זי ווערט אויסגעפיהרט פון עטליכע. דאס רעכט פון יעדער פערזאן אין האנדלונגס־פרייהייט ווערט ניט בלויז צו דעם איינציגען, נאר צו איינצעלנע, וועלכע פאראייניגען זיך פאר א געוויסען צוועק. דאס, וואס עטליכע צוזאמען באשליסען אויף דער גרונדלאגע פון זייערע רעכטע, דאס אליין פארוואנדלט ניט זייער האנדלונג אין אן אונגעזעצליכע, אויער אן [illegible]".

**

בקיצור, די עמבראידערי־פירמע איז געבליבען מיט א נאז. אמת, פון ריכטער וואגנער האט מען ניט געקענט ערווארטען קיין אנדער פסק נאכדעם, ווי ער האט ארויסגעגעבען דעם אינדזשאנקשאן געגען די „פראטעקטיוו". אבער אין דעם פאל איז וויכטיג אויפמערקזאם צו מאכען, אז פאר דער יוניאן זיינען ניט אויפגעטראטען אזעלכע באקאנטע לאיערס, ווי אונטערמייער און הילקוויט, מיט וואס ביידע ציינגער האבען זיך באנוצט און ערקלערט דעם גאנצען טריאומף אונזערען אלס א טריאומף פאר דעם גרויסען לאיער און פאליטישען, מר. אונטערמייער. ניין, דער לאיער פון דער עמבראידערי יוניאן איז דוקא געווען קיין פאליטישען. דאס איז מר. מאריס ראטענבערג, א זעהר גוטער לאיער געוויס, אבער דערוויל נאך ניט א לאיער מיט'א נאציאנאלער רעפוטאציע. און דאך אזא קלארע, אזא דראסטיש־אויסגעשפראכענע ענטשיידונג. דאס איז אונצווייפעלהאפט דער גרויסער פארדינסט פון אונזער גרויסען קלאוקמאכער־קאמף, וועלכער האט מיט איינמאל באדייטענד געענדערט די גאנצע עפענטליכע מיינונג און במילא אויך די פון אונזערע ריכטער.

די אויפלעבונג צווישען אונזערע וויסט־ און דרעס־ארבייטער.

צוערשט א טראפעלע געשיכטע. יעדער פון אונזערע עלטערע טרייד־יוניאניסטען וועט זיך דערמאנען אן דעם קריזיס־יאהר פון 1907, ווען מיליאנען ארבייטער זיינען ארויסגעווארפען געווארען פון די פעקטאריס, און פארדאמט געווארען פון אונזער משונה'דיגער ארדנונג צו שטארבען פון הונגער דערפאר, ווייל זיי האבען אין די פריהעריגע יאהרען פראדוצירט צופיל; יעדער וועט זיך דערמאנען, וואס פאר א שרעקליכע דעמאראליזאציע דער דאזיגער קריזיס האט ארייגעבראכט אין די רייהען פון דער ארבייטער באוועגונג בכלל, און פון די אידישע ארבייטער־יוניאנס בפרט. פון די שוואכע יוניאנס, וואס זיינען געווען דאן, איז, נאטירליך, קיין סליאד ניט געבליבען; נאר אפילו פון די גאנץ שטארקע יוניאנס זיינען אויך נאר געבליבען ארימע תילפלאזע רעשטלאך. אזוי, דאס פילע האבען געמיינט, אז די גאנצע מיה און ארבייט פאר די ארגאניזירונג פון דעם אידישען ארבייטער איז אין גאנצען פארלארען. אזוי האט עס אנגעהאלטען ביז 1909, ווען עס איז פלוצלונג געשעהן א גרויסער נס. די ארבייטער און ארבייטערינס פון דער וויסט־אינדוסטריע האבען עס גיוון מעהר ניט געקענט איבערטראגען. זייערע ווייזדושעס זיינען געווען די קלענליכסטע, די ארבייטס־באדינגונגען אין שאפ די עלענדסטע, די שרעקליכסטע, און אין ביטערער פארצווייפלונג האט די לידיס וויסט מייקערס יוניאן, וואס איז באשטאנען דאן בלויז פון א הייפלעכע געטריע איבערגעבענע ארבייטער, גערופען די ארבייטער און דער וויסט־אינדוסטריע צו א סטרייק, צו אן אויפשטאנד. און ווי דורך א כישוף האבען אלע ארבייטער, די דערשלאגענע, די מוטלאזע, פארלאזען זייערע לעבער, שעפער בלע"ז, און זיינען ארויס אין גאס, זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן, אום צו קעמפען פאר א מעהר מענשליכען לעבען. דער קאמף האט אנגעהאלטען א היבשע עטליכע וואכען, ביז ער האט זיך געענדיגט מיט א זיג פאר די ארבייטער, און פון דאן אן הייבט זיך אן די ווירקליכע געשיכטע פון דער לידיס וויסט־מייקערס יוניאן.

דער דאזיגער זיג האט מיט אמאל צוריסען די כמארעס, וואס זיינען געהאנגען איבער די קעפ פון די ארבייטער. דער גייסט פון קאמף האט איבערגענומען פילע אנדערע ארבייטער־צווייגען און גלייך נאך דעם האט געפאלגט דער גרויסער קלאוקמאכער סטרייק, וועלכער האט זיך אויך געענדיגט מיט א זיג פאר די ארבייטער. פון יענעם דאזיגען יאהר, פון אין 1909 און 1910 אן, זיינען וויסט־מייקערס יוניאן געווען די ערשטע צו ברענגען אן אויפלעבונג, א נייער גייסט אין אונזער ארבייטער־באוועגונג. אין ביידע ארגאניזאציעס: די ארגאניזאציע פון דרעסמאכער און די פון די לידיס וויסט מייקערס זיינען געווארען פון טאג, און זיינען געווארען דער שטאלץ, די צירונג, די פעסטונג פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן בפרט און פון דער ארבייטער־באוועגונג בכלל. אבער אין די לעצטע פאר יאהר איז געקומען א באדייטענדע ענדערונג. בעת די קלאוקמאכער יוניאן איז געוואקסען אין מעמבערשיפ, אין פעסטער אין איהר כאראקטער, און אויסגעצייכענט פאר איהרע מיטגלידער אין בעסערע און בעסערע ארבייטס־באדינגונגען, האט די לידיס וויסט מייקערס יוניאן אנגעהויבען ליידען פון דער שרעקליכער קראנקהייט פון אונאייניגקייט, פון אלערליי ריסערייען איבער א נעכטיגען טאג. די גרויסע מאסע, דער רענק־ענד־פייל, האט, אין א געפיהל פון ביטערע פארדרוס, זיך אין גאנצען דערווייטערט פון דער יוניאן. און די וועלכע זיינען איבערגעבליבען, אלס די אפיטראפסים פון דער יוניאן, האבען ניט געפונען צו טאן בעסערעס, ווי צו רייסען זיך און קריגען זיך איבער אן איי, וואס איז נעבאכען געווארען אים יום טוב. און איבער נאך אזעלכע וויכטיגע פראגען, אז די גאנצע לידיס וויסט מייקערס יוניאן, דער אמאליגער ג ר א נ י ן אין שנאר פון דער אינטערנעשאנאל, איז געווארען אלץ שוואכער. די אינטערנעשאנאל האט אנגעווענדעט אלע איהרע כחות, זי האט פאר זיי געפיהרט סטרייקס, און מיט דעם בעסטען ערפאלג, אבער דער איינער־ביטער קאנסער האט ניט אויפגעהערט צו טאן זיין שרעקליך פארניכטענדע ארבייט.

*

אזוי האט עס אנגעהאלטען ביז ניט לאנג צוריק, ווען עס האט אויסגעוועהן, אז עס איז ניטא קיין רפואה, קיין מיטעל געגען די קראנקהייט, וואס האט געמאטשעט דעם גרויסען קערפער. אבער, ווי עס שיינט, האט דער גרויסער קלאוקמאכער־קאמף געבראכט מיט זיך די נייטיגע רפואה. דא האבען די קלאוקמאכער באצאהלט זייער חוב, וואס זיי זיינען שולדיג געבליבען די לידיס וויסט־מייקערס פון 1909. פונקט ווי דאן דער קאמף פון די לידיס וויסט מייקערס ארייגעבלאזען א נייע נשמה אין די דערשלאגענע קלאוקמאכער, אזוי האט דער איצטיגער קאמף פון די קלאוקמאכער ארייגעבלאזען א נייע נשמה אין די רייהען פון די לידיס וויסט מייקערס און דרעס־מאכער. עס איז שוין לאנג, זעהר לאנג, זייט די ארבייטער פון דרעס־ און וויסט־טרייד האבען געהאט אזא באגייסטערטען און באגייסטערענדען מיטינג, ווי לעצטען דאנערשטאג אין וועבסטער האל, וואו ארום טויזענד שאפ־טשערמען זיינען געווען פארזאמעלט, און וואו פרעזידענט שלעזינגער, אב. בארא; און דושיי. האלפערין, דער איצטיגער מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע, און דזשעד ליוויס האכמאן האבען ערקלערט די לאגע פון דער יוניאן. לויט אלע באריכטען, האט אויף דעם מיטינג געהערשט א גאר אנדער גייסט ווי דער פון די לעצטע פאר יאהר. פארשוואונדען געווארען זיינען, ווי רויך, די פארשיידענע דעבאטען איבער אלערליי פוסטע זאכען, וועלכע האבען ניט די מינדעסטע שייכות מיט דעם לעבען און טעטיגקייט פון דער יוניאן, און די פראגע פון אווענד איז געווען נאר איינע: ווי מאכט מען, אז די ארבייטער פון דער וויסט אין דרעס־אינדוסטריע זאלען זיין ארגאניזירט הונדערט פראצענט, ווי דאס זיינען די קלאוקמאכער? וואס טוט מען, אז די הונדערטע „אפענע" שעפער, אין וועלכע די ארבייטער ווערען שרעקליך עקספּלואַטירט, זאלען ווערען יוניאן־שעפער? ווי מאכט מען א סוף צו דעם פאראזיט, דעם דזשאבער, וועלכער זויגט אויס די בלוט סיי פון דעם קאנטראקטאר און סיי פון די ארבייטער? די גרויסע מאסע, פארזאמעלט אין וועבסטער האל, האט זיך ארומגעזעהן, אז עס זיינען דא גרויסע פראבלעמען, וואס געהען די ארבייטער אין לעבען, וועלכע מוזען געלייזט ווערען, אויב די גאנצע אינדוסטריע, אין וועלכער זיי זיינען באשעפטיגט, זאל ניט געבראכט ווערען צוריק צו דעם צושטאנד פון 1909.

∴

דאס איז די הויפט־פראגע, וועלכע אינטערעסירט איצט אלע דענקענדע אין

אפגעשטעלט ווערן מלחמות אויף דער וועלט. נאך דעם האט ער אנגעהויבען אנטוויקלען זיין „אידעע", ווי אזוי די מאסל שאאלס קאן אפשטעלן מלחמות אויף דער וועלט.

עס טוט מיר ווירקליך לייד, וואס אוים מאנגעל אין פלאץ קאן איך ניט איבערגעבן דעם אינהאלט פון זיין „אידעע". עס וועט דא זיין גענוג צו זאגן, אז די „אידעע" זייט איז נאר מעהר חוצפה'דיג, ווי די באהויפטונג, אז ער האט ניט אין די מאסל שאאלס קיינע פערזענליכע פראפיטען און אז ער מיינט נאר דעם טובת הכלל. אין דער צייט ווען ער שטייט און דינגט זיך מיט דער רעגירונג און וויל ארייננכאפן אין זיינע הענט א ריזיגען קוואל פון ענערגיע, וואס דארף איהם אריינטראגן גאנצע בערג מיט גאלד, גאנצע שטראמען מיט גאלדענע רענדלאך.

צוליב וואס איז עס איהם נויטיג געווען צו מאכען אזעלכע לעכערליכע באהויפטונגען? פארד ווייס, וואס ער טוט. אויף מארגען נאכדעם, ווי ער האט געמאכט זיינע באהויפטונגען, זיינען פילע צייטונגען אין לאנד געווען פול מיט פארד'ס רעדעס אונטער אזעלכע קעפלאך, ווי „פארד וועט באנוצען מאסל שאאלס צו ענדיגען מלחמות" („טיימס"), און אין די שטיקער נייעס האט מען געלויבט דעם פארד, דער ליבעראלער, מענשענפריינדליכער פארד, זוכט ניט זיינע אייגענע טובות, נאר ער זוכט צו באגליקען די וועלט. אמת — מען וועט לאכען פון איהם, מען וועט חוזק מאכען אי פון איהם אי פון זיינע פריינד, אבער צו דער זעלבער צייט וועט מען רעדען וועגען איהם, און פילע, פילע וועלען דאך בלייבען אונטער דעם איינדרוק, אז פארד'ס מעטיקייטען און מאטיווען זיינען אלטרואיסטישע, מענשענפריינדליכע.

די גאנצע געשיכטע וואלט אונז פילייכט געווען ניט אזוי שטארק נוגע, ווען זי וואלט ניט געהאט נאך א זייט: אין די הענט פון דער רעגירונג ליגט אזא ריזיגער קוואל פון ענערגיע, אזא ריזיגער קוואל פון נאטירליכע רייכטימער. זי דארף עס ביי קיינעם ניט אפקויפען, און פילע צעהנדליגער מיליאנען זיינען שוין אין דעם אריינגעלייגט געווארען. אלץ, וואס די רעגירונג דארף טאן, איז נאר די זאך צו פארענדיגען, וואס זי וועט מוזען סאי ווי טאן, אויב זי וויל פון דעם מאכען וועלכען עס איז תכלית. פארגעט זיך, צו וואס איז עס נויטיג איבערצוגעבען אט דעם גאנצען קוואל פון רייכטום אין די הענט פון איין מענשען? די מאסל שאאלס איז אויפגעבויט געווארען אויף דאס געלד פון פאלק, און דאס פאלק איז בארעכטיגט צו האבען די נוצען פון דעם. אוועקנעמען פון פאלק זיין רייכטום און איבערגעבען עס אין די הענט פון איין איינציגער פערזאן — אזא זאך קאן פארקומען נאר דארטען, וואו דאס פאלק איז ניט גענוג אינפארמירט וועגען דעם, וואס אין לאנד קומט פאר, און אנאליזירט ניט און קריטיקירט ניט די האנדלונגען פון דער רעגירונג.

סיידען... סיידען מען זאל אננעמען, אז די רעגירונג גלויבט טאקע, אז מר. פארד וועט די מאסל שאאלס פארוואנדלען אין א וואפען פאר אפצושטעלן מלחמות אויף דער וועלט...

דער גערודער אין דער דרעס און ווייסט אינדוסטריע

פון נ. ב. לינדער.

וואס באטייט דער איצטיגער גערודער אין דער היגער דרעס און ווייסט אינדוסטריע?

איז דאס א מאביליזאציע, א גרייטען זיך צו קריג, אדער בלויז א מאנעוור פון די אסאסיאיישאנס, כדי אויסצוגעפינען, צי די יוניאנס אין דער דאזיגער אינדוסטריע זיינען טאקע באמת אזוי שוואך ווי מען שמועסט אין די קרייזען פון די בעלי־בתים?

נאך א פראגע: האבען די מאנופעקטשורערס, דזשאבערס און קאנטראקטארס אין דער דרעס און ווייסט אינדוסטריע גארנישט געלערענט פון דעם אויסגאנג פון'ם קלאוקמאכער סטרייק? צי דען רעכענט זיך ווי אוים'ן שכל, אז די אינטערנעשאנאל, וואס האט אזוי קלאר געגעבען צו פארשטעהן און צו פיהלען די קלאוק מאנופעקטשורערס, אז זייערע ארבייטער וועלען ניט מאכען קיין איין טריט צוריק פון זייערע אזוי שווער איינגעקעמפטע פאזיציעס, וועט פארפעהלען צו טאן דאס זעלבע אויך מיט די דרעס און ווייסט אסאסיאיישאנס?

א קלארע תשובה אויף די דאזיגע פראגען וועט געבען די נאהענטע צוקונפט. איינס אבער איז שוין איצט קלאר: דער גערודער, וואס די דרעס און ווייסט אסאסיאיישאנס האבען אויפגעהויבען אין דער אינדוסטריע מיט וואכען צוריק, האט איצט געבראכט אזוינע רעזולטאטען וואס זיינען פונקט דער היפוך פון דעם וואס זיי, די אסאסיאיישאנס, האבען ערווארט, און אויף וואס זיי האבען געהאפט.

דעם גערודער האבען די דאזיגע אסאסיאיישאנס (דזשאבער'ס אסס'ן, פראטעקטיוו ווייסט אסס'ן, און דרעס קאנטראקטאר' אסס'ן) אויפגעהויבען נאך דעם ווען דער קלאוקמאכער סטרייק איז געווען אין זיינע ערשטע טעג. די מייסטע בעלי בתים, סאי אין דער קלאוק אינדוסטריע גופא און אי אין די אנדערע ליידיס גארמענט אינדוסטריעס, האבען נאך געהאפט און געגלויבט, אז עס זיינען געקומען זייערע זיבען יאהר, און אז איצט וועט עס ענדליך די קלאוקמאכער יוניאן, און, דערנאך, אלע אנדערע יוניאנס אין דער נאדעל אינדוסטריע מוזען אנבויגען די קעפ און אננעהמען פאר גוט וואס די בעלי־בתים וועלען זיי צווארפען. אט דערמאלט, אין יענע ערשטע טעג פון'ם נאר וואס פארענדיגטען קלאוקמאכער סטרייק דערמאלט ווען די בעלי־בתים, א ל ע בעלי־בתים, האבען גע'חלומ'ט די דאזיגע זיסע חלומות, האבען אויך די דריי דערמאהנטע אסאסיאיישאנס פון דער דרעס און ווייסט אינדוסטריע גענומען קלינגען מיט די שווערדען. זיי האבען ארויסגעשטעלט א רייהע מיט פאדערונגען צום דזשאינט באארד פון די דרעס און ווייסטמאכער יוניאנס. די פאדערונגען זיינען געווען גאנץ גרויסע און געוואגטע. עס האט אפילו ניט געפעהלט די פאדערונג פון א היבש פראצענטיגען רעדאקשאן אין ווייזשעס. די ווייסט מאנופעקטשורערס האבען, א חוץ דעם, אויך געפאדערט פאר זיך דאס רעכט זיך צו באגעהן אהן יוניאן לאבערס, און נאך אזעלכע פאדראנגען.

עס האט זיך אנגעהויבען א סדרה קאנפערענצען צווישען די אסאסיאיישאנס און דער יוניאן. אבער אויף די מייסטע פון די דאזיגע קאנפערענצען האט זיך פון דער זייט פון די בעלי בתים אליין געהערט דער זעלבער הינדענבורג־לודענדארף טאן. און ווי האט א געוויסער דרעס מאנופעקטשורער, א כלומר'שטיגער ראדיקאל, זיך דעמאלט באריהמט פאר דעם שרייבער פון די שורות: „מיר ווערען באלד מאכען אייערע גרויסע מענטשען, די האלבפרינס, די האכמאנס און די איבעריגע ראטע, פאר אוים האפעריזשמאכער! מארוויל זיינען זיי ביי זייערע ארבייטער דיסקרעדיטירט. זייער הערט זיי ניט, קיינער פאלגט זיי ניט. בכלל איז די דרעס און ווייסט יוניאן א קראנקע יוניאן. אייביגע רייבונגען דארטען, אייביגע קריגערייען און רייסעניישען. איהר מיינט, מיר וועלען ניט וויסען דארט קומט פאר... איין בריוו און מ'וועט זיין אוים יוניאן!"

אט אזוי האט זיך דעמאלט באריהמט א געוויסער דרעס־מאנופעקטשורער; אזוי האבען געטראכט און געפיהלט אלע אנדערע מאנופעקטשורערס, דזשאבערס און קאנטראקטארס, און אזוי רעכענט א גרויסער טייל פון זיי נאך איצט. דעריבער — זייער בראוואדע, זייער קלינגען מיט די שווערדען. און אפילו איצט, נאכדעם ווי די מייסטע פון די דאזיגע בעלי־בתים זיינען נעבאך אזוי ביטער ענטוישט געווארען מיט דעם אויסגאנג פון'ם קלאוקמאכער סטרייק, האפען זיי נאך אלץ, אז מיט דער דרעס און ווייסטמאכער יוניאן וועט עס זיין אנדערש — פארט א „קראנקע יוניאן". אזוי רעדען זיך די בעלי־בתים איין און גיבען זיך אליין אונטער מוט.

און די יוניאן? זי האט גאר פארגעסען אז זי איז „קראנק". אזוי באלד ווי דער גערודער איז אויפגעהויבען געווארען האט זי אנגעהויבען צו באנוצען אלע איהרע חושים, באוועגען מיט אלע איהרע אברים און — צו דער גרויסער שטוינונג פון איהרע דיאגנאסטען, די בעלי־בתים — וועט זי גאר איינגיכען האבען מאביליזירט גענוג כחות צוריקצושלאגען אלע אטאקעס, וואס ווערען קענען איהר געפלאנט, אפשר ניט ערגער ווי די קלאוקמאכער האבען עס געטאן.

אפילו דער אומצופרידענער עלעמענט צווישען די יוניאן־מיטגלידער, די אייביגע „קיקערס", אויך וועמען די אסאסיאיישאנס לעגען תמיד גרויס האפענונג אלס צושטערער פון דער יוניאן, — אפילו זיי האבען איצט פארגעסען אז זייערע פערזענליכע תרעומות קעגען דער יוניאן־אדמיניסטראציע. אזוי באלד ווי דער גערודער איז אויפגעהויבען געווארען און זיי האבען דערזעהן די צעפעסטע מיינער אין די שארפע [illegible] צייהן פון די אייביג פראפיט־הונגעריגע ארבייטס־הייפער, האבען זיי צוגעלייגט זייער אקסעל צו דער ראד און גענומען א האנט אין דער מאביליזירונג פון די יוניאן כחות. אויב די מאנופעקטשורערס ווייסען דאס ניט, זאלען זיי זיך נאכפרעגען ביי זייערע אייגענע שפּיאנען, וואס האבען מן הסתם ניט פארפעהלט צו זיין אויף דעם ערשטען גרויסען מאביליזאציאנס־מיטינג פון דער יוניאן פארטאגענען דאנערשטאג אין וועבסטער האל.

דארט, אויף יענעם מיטינג, זיינען ניט געווען די [illegible] און שטערע[illegible]שען, אויף וועלכע די אסאסיאיישאנס האבען [illegible] און יענער מיטינג איז געווען דער אנהויב פון דער גרויסער רעארגאניזאציאנס און באפעסטיגונגס ארבייט, וואס דער דרעס און ווייסטמאכער דזשאינט באארד פיהרט איצט אן איבער דער גאנצער לענג און ברייט פון דער דרעס און ווייסט אינדוסטריע.

די דאזיגע ארגאניזאציאנס ארבייט ווערט איצט אנגעפיהרט אויף אזא מין אופן, וואס מאכט זי פאר א באשטענדיגען אומאויפהערליכען טייל פון דער יוניאנ'ס טעטיגקייט דורך דעם גאנצען יאהר, ניט בלויז אין אנהויב סעזאן, ווי דאס פלעגט זיין פריהער.

אינטערעסאנטער שטריך אין אט דער נייעם מין ארגאניזאציאנס ארבייט איז דאס, וואס דער צענטער פונקט פון דער גאנצער ארבייט, און ממילא אויך די פאראנטווארטליכקייט פאר דער, ווערט איבערגעגעבען אין די הענט פון דער ברייטער מיטגלידערשאפט, פון דער „ראנק ענד פייל". די יוניאן־באאמטע וועלען בלויז העלפען די שאפ־קאמיטעס אויסגעקליבען פון די שאפ־ארבייטער אליין, אין דער דורכפיהרונג פון זייער ארגאניזאציאנס ארבייט צווישען די ארבייטער פון זייערע נאהענטסטע נאכבארשעפער.

אין קורצען איז אט דער נייער ארגאניזאציאנס פלאן, ווי ער איז אנגענומען געווארען פון די שאפ־טשערמען און שאפ־קאמיטעס, אזעלכער:

עס זיינען ארגאניזירט צירקעל ארגאניזאציאנס קאמיטעס. יעדע צעהן שעפער שטעלען מיט זיך פאר אזא מין ארגאניזאציאנס צירקעל. יעדער שאפ ערוועהלט פון זיך אן ארגאניזאציאנס קאמיטע פון פינף ארבייטער, און די דאזיגע ערוועהלטע ארגאניזאציאנס קאמיטעס נעהמען אויף זיך די אויפגאבע צו ארגאניזירען די נאן־יוניאן שעפער, וואס געפינען זיך אין זייער צירקעל. אין גרויסע געביידעס, וואו עס געפינען זיך גרויסע צאהלען שעפער אין איין געביידע, ווערט יעדע געביידע באטראכט אלס צירקעל פאר זיך.

איבער די דאזיגע צירקעל קאמיטעס שטעהען די דיסטריקט קאמיטעס, וואס ארבייטען אונטער דער אויפזיכט און מיט דער הילף פון די דיסטריקט ביזנעס אגענטען פון דער יוניאן. די אלע ארגאניזאציאנס קאמיטעס און די גאנצע ארגאניזאציאנס ארבייט ווערט אנגעפיהרט פון דער צענטראלער ארגאניזאציאנס קאמיטע פונ'ם דזשאינט באארד.

אום צו מאכען די ארבייט גיכער און ווירקזאמער האט אויך יעדער לאקאל פונ'ם דזשאינט באארד אן אייגענע ארגאניזאציאנס קאמיטע פון צוויי מענשען, וועלכע האבען רעגעלמעסיגע מיטינגען מיט דער צענטראלער ארגאניזאציאנס קאמיטע פונ'ם דזשאינט באארד.

די צענטראלע ארגאניזאציאנס קאמיטע שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון י. האכמאן; די אויפזיכט איבער די קלענערע קאמיטעס — אונטער גוזמאן; און די סעטלמענטס מיט ארונטערגענומענע און ניי־ארגאניזירטע שעפער — אונטער דער אויפזיכט פון שאפירא.

דער דזשאינט באארד שיקט פריהער ארוים בריף צו אלע נאן־יוניאן שעפער און שלאגט זיי פאר א סעטלמענט אויף א יוניאן־באזיס; דאס הייסט, אז דער שאפ זאל ארגאניזירט ווערען און געשטעלט ווערען אונטער דער קאנטראל פון דער יוניאן. דערביי ווערט געוועהנליך דעם באטרעפענדען מאנופעקטשורער אדער קאנטראקטאר געגעבען א געוויסע צייט אויף אנצונעהמען דער יוניאנ'ס פארשלאג. נאך דער באשטימטער צייט, אויב דער שאפ־אייגענטימער מעלדעט זיך ניט און ענטפערט ניט, ווערט אהין געשיקט א מענש פונ'ם סטעף און באט אן פערזענליך דעם מאנופעקטשורער א סעטלמענט. אויב

גוט. וואס אבער מכוח דער פרייהייט צו ריידען, צו שרייבען, צו געבען אויסדרוק צו זייערע מיינונגען פראנק און פריי? וועגען דעם שווייגט דער זינגער, איך מיין, דער צייטונגס־באריכט.

אונזער ניו יארקער גאווערנאר האט זיך זיין טעאריע וועגען דער פארברעכען־כוואליע, וואס האט זיך אויסגעגאסען אויף אונזערע מקומות. ערשטענס, מיינט ער, קומט עס פון דעם וואונש צו פארנעהמען אן ארקעסטער־סיט אין לעבען; צווייטענס, איז שולדיג אין דעם דער אויטאמאביל, וואס העלפט די פארברעכער צו אנטלויפען; דריטטענס, איז עס די מלחמה, אין וועלכע גאר פילע האבען זיך אויסגעלערענט צו האנדלען מיט ביקס. אויב דאס זאל זיין ווירקליך די סבה פון דער „פארברעכען־כוואליע", האב איך מורא, אז מיר וועלען ניט אזוי גיך פון איהר פטור ווערען. ווייל דער וואונש פאר אן ארקעסטער־סיט ווערט אלץ שטארקער, און דעם אויטאמאביל קען מען דאך ניט אפשאפען, אויך ניט דעם ביקס, דעם רעוואלווער. די מוזען מיר דאך האבען. איז טאקע א ביטערער עסק מיט דער פארברעכער־כוואליע, ווי שטרענג מען זאל די געזעצע פארברעכער ניט באשטראפען, און ווי אייגגעהאלטען דער גאווערנאר זאל זיין מיט זיין פארדאן־פריווילעגיע.

עס איז א סברא, אז פארד זאל פאר א צייט אויפגעבען זיין אנטיסעמיטישע אגיטאציע, ווייל ער האט זיך גענומען די לעצטע צייט צו א פיל וויכטיגערער פראגע, צו דער געלד־פראגע. פארד מיינט, אז דער איצטיגער געלד־באזיס פון געלד איז אין גאנצען א פאלשער. דער באזיס פון זיין געלד דארף זיין די שאפענדע ענערגיע. עס איז, אפשר, א נארישער געדאנק, אבער אלץ ניט אזוי נאריש, ווי זיין אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע.

פאר אייך מעג זיין וואל סטריט די פארקערפערונג פון אלדאס בייז, פון באטרוג, שווינדעל, גנבה און רציחה. אבער איהר מעגט וויסען, אז עס זיינען דא מענשען מיט אן אנדער מיינונג. די וואך האט מר. שעפילד, דער פרעזידענט פון דער יוניאן־ליג־קלאב, געהאלטען א רעדע פאר די ניו יארקער גרויסע באנקירען, אין וועלכער ער האט ערקלערט בפרהסיא, און גאר ניט רויט ווערענדיג, אז וואל סטריט איז ניט די היים פון זעלבסוויכטיגען רייכטום, נאר די היים פון אמת און עהרע. איהר זעהט, אלס ווענדט זיך אן דעם, וואס איז אמת, און וואס איז עהרע...

ווערדליג די געבורט־ציפערען פון לעצטען יאהר ווייזען אן, האט די געבורט־קאנטראל־פראפאגאנדע געהאט איהר שטארקע ווירקונג מעהרסטענס צווישען די אמעריקאנערינס. בעת די פרויען, וואס זיינען ניט לאנג ערשט אין אמעריקא, האבען זיך גאנץ שטארק געקינדעלט, האבען די אמעריקאנערינס זיך צוריקגעהאלטען גאר שטארק פון לאזען נאך זיך יורשים. דר. קאפעלאנד איז שטארק פארזארגט וועגען דעם. וואס וועט ווערען פון אונזער אמעריקא, אז די פארעיגערס האלטען זיך איין פרוכפערען, און די אמעריקאנער ווערען אלץ ווייניגער און ווייניגער? נאטירליך, זיינען די אויסזיכטען פאר אמעריקא זעהר, זעהר טרויעריגע. ווי קען זי גאר עקזיסטירען, ווען דער איצטיגער אימיגראנט וועט ווערען מיט דער צייט דער הערשענדער עלעמענט? גיין אפשר?

אין מאסקווע האט מען לעצטע וואך צום ערשטען מאל, זינט דער רעוואלוציע, געפראוועט די רעליגיעזע צערעמאניע פון „בענשען דאס וואסער". נאטירליך האט געפעהלט דער גלאנץ און די אימפאזאנטקייט פון אמאליגע צייטען, ווען דער צאר אליין איז געווען איינער פון די בענשער. אבער דאך, לויט דער באשרייבונג פון דעם מאסקווער קארעספאנדענט פון דער „טיימז", האט אויך דאס מאל די רעליגיעזע צערעמאניע ניט פארפעהלט צו מאכען א שטארקען איינדרוק. די גאנצע פראצעסיע פון די גלחים מיט זייערע געצענבילדער און מיט צעהנדליגע טויזענדער מענשען הינטער זיי, פראוועדיג די גאנצע צערעמאניע מיט אלערליי קליפערלאך, און דער עולם אזוי פרום, אזוי ערנסט נאכזאגענדיג די געבעטען, האט אנגעהאלטען כמעט דעם גאנצען טאג. לויט דעם באריכט האבען ניט געקאנט זיין ווייניגער ווי 50 טויזענד מענשען, וואס האבען עס מיטגעמאכט. אפילו סאלדאטען פון דער רויטער גווארדיע, דערצעהלט דער קארעספאנדענט, האבען זיך געהאלטען אין איין צלם'ען, גלייך מיט אלע איבעריגע גאטס־גלויביגע.

אויף דעם לעצטען מיטינג פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן, האבען די מעהרסטע רעדנער געברויכט דאס ווארט „וואפענשטילשטאנד", אנשטאט פרידען, ווען זיי האבען גערעדט וועגען דער איצטיגער לאגע אין קלאוק־טרייד. און אזוי איז עס טאקע. ווי באלד די מאנופעקטשורערס קענען נאך אלץ ניט פועל'ן ביי זיך צו צוגעבען, אז זיי האבען געבראכען דעם קאנטראקט, און געהען זיך ווייטער לאדען מיט דער יוניאן; ווי באלד זיי האבען נאך אלע אין זינען עפעס אויסצופיהרען דורך אן אונטערזוכונג פון די גוטע און פייגע הערצער אין וואשינגטאן, אנשטאט זיך צו ווענדען דירעקט צו דער יוניאן און אנהויבען צווישען זיך די נויטיגע פארהאנדלונגען וועגען אן אגרימענט פאר שפעטער, קען דאך די יוניאן דעם איצטיגען צושטאנד ניט באטראכטען אנדערש, ווי בלויז אלס א וואפענשטילשטאנד.

פאָרד׳ס גליקען ::

פון ל. בעראַדולין

חענרי פארד וויל „אפשטעלען מלחמות אויף דער ערד״, אריינבאפענדיג אין זיינע הענט א נייעם ... פון זיינע ...

2.

אין דעם פאריגען ארטיקעל איז געווען דערציילט געוואָרען, אז מר. הענרי פארד איז אריינגעטראָטען אין דאס ניי מיט אן ערקלערונג, אז ער האט א פלאן, ווי אזוי אפצושטעלען מלחמות אויף דער ערד. עס איז ניט וויכטיג אין וואס דער פלאן זיינער באשטעהט, פאר אונז איז מער וויכטיג די געלעגענהייט, ביי וועלכער ער איז מיט אט דער סענסאציאָנעלער ערקלערונג ארויסגעטראָטען. און די געלעגענהייט איז געווען, ווען ער האט געהאַלטען אין באטראכטען און עקזאמינירען די „מאסל שאאלס״, וועלכע ער וויל אפדינגען פון דער רעגירונג.

כדי דער לעזער זאל פארשטעהן די גאנצע וויכטיגקייט פון פארד׳ס באַהויפטונג, איז נויטיג צו דערציילען, וואס די „מאסל שאאלס״ שטעלען מיט זיך פאר.

עס זיינען פאראן א פאר ווייטע זאלצען, וואס רופען זיך אין אלגעמיין „ניטראַטען״, ווייל זיי ענטהאלטען אין זיך דעם שטאף, אדער „ניטראַטען״. פון די זאלצען מאכט מען פארבען פאר קליידער; מען באמיסטיגט מיט זיי די פעלדער צו קריגען גרעסערע געוועקסען, און מען מאכט פון זיי שיס־פולווער און אנדערע אויפרייס מאטעריאלען, וואס זיינען אזוי נויטיג פאר אנצופיהרען א מלחמה. די ניטראטען פלעגט מען ארויסנעמען אין מינען, אבער די גרעסטע מאס ניטראטען פלעגט מען ארויספיהרען פון טשילי, זיד אמעריקא, וואו עס איז פאראן א ריזיגער פעלד מיט א כמעט איבערשעפליכען קוואל פון אט די זאלצען. מען האט געקענט די זעלבע זאלצען פראדוצירען אויף א קינסטליכען אופן, אבער דערצו האט זיך געפאדערט א שטארקער עלעקטרישער שטראם, וועלכען מען האט געקענט ענטוויקלען פארברענענדיג א סך קוילען; און ברענגען קוילען כדי צו פראדוצירען די ניטראטען האט זיך ניט געלוינט. אבער פאר די לעצטע 12־15 יאהר האט זיך שטארק ענטוויקלט די באוועגונג „איינצושפאנען די וואסער־פאלען״, ד. ה. מאכען אזעלכע איינריכטונגען, אז דאס פאלענדע וואסער פון די וואסער־פאלען זאלען ברענגען אין באוועגונג גרויסע עלעקטרישע מאשינעס און ענטוויקלען עלעקטריציטעט אהן קוילען. דארטען, וואו קיין נאטירליכער וואסערפאל איז ניטא, און די באדינגונגען זיינען פאר דעם גינסטיג, קען מען מאכען א קינסטליכען וואסערפאל. אין מיט׳ן טייך שטעלט מען אוועק א ריזיגע שטיינערנע וואנט, אדער דאמבא, פון עטליכע הונדערט פוס די הויך און מען פארשטעלט דאס שטראמענדע וואסער דעם וועג. דא קלייבט זיך אן אזוי פיל וואסער, אז עס ווערט א מין אזערע, און נאכהער ווערט דאס גאנצע איבעריגע וואסער אריבערגעלאזען איבער דער דאמבא וועט אראפפאלען אלס א וואסערפאל און פליסען ווייטער. אויף אזא אופן מאכט מען קינסטליכע וואסערפאלען. דאס אויפבויען פון אזא פאבריק וואו די קראפט פון דעם פאלענדע וואסער זאל אויסגענוצט ווערען צו פראדוצירען עלעקטריציטעט, און ווען עס איז נויטיג אויפצובויען א דאמבא, פאדערט זיך אויף דעם זעהר פיל געלט. מ׳דארף דא מיט אמאל אויסלייגען צעהנדליגער און הונדערטער מיליאנען דאלאר. דערפאר אבער קאסט מיט דער צייט די עלעקטרישע קראפט, וואס ווערט אויף אזא אופן ענטוויקלט, אזוי ביליג, אז מען קען פראדוצירען די ניטראטען און פארקויפען זיי אפילו צו באמיסטיגען די פעלדער. עס זיינען איצטער פאראן איינעגע אינדוסטריען, וואס וואלטען ניט געקענט עקזיסטירען, ווען מען וואלט ניט געקענט פראדוצירען עלעקטריציטעט דורך וואסער־פאלען.

ווען אמעריקא איז אריין אין דער מלחמה האט די רעגירונג אנגעהויבען בויען אויף א ברייטען מאסשטאב קריגס־שיפען, ניטראט פאבריקען און אנדערע זאכען, אין וועלכע זי האט זיך גענייטיגט כדי אנצופיהרען די מלחמה. דריי גרויסע ניטראט פאבריקען האט זי אויפגעבויט אין עטליכע פארשיעדענע טיילען פון לאנד. איינע אזא פאבריק, וועלכע באשטעהט פון עטליכע ריזיגע געביידעס, האט זי אויפגעבויט אויף דעם פלאץ, וואס איז באוואוסט אונטער דעם נאמען די „מאסל שאאלס״, ביי דעם טייך טענעסי אין דעם נארדליכען טייל פון דעם סטייט אלאבאמא. געבויט גע־

וואָרען איז אט די פאבריק מיט א רישבוי, אז עס זאל פראדוצירען איין מיליאן פערד־קראפט פון ענערגיע אין דער פאָרם פון עלעקטריציטעט. ווען דער וואפענשטילשטאנד איז ערקלערט געוואָרען זיינען איינגע אזעלכע פאבריקען געווען פארטיג, און מען האט אין זיי שוין אפילו געארבייט; אין יענע פאבריקען, וועלכע זיינען נאך ניט פארטיג געווען, האט מען אפגעשטעלט אין מיטען, ווייל די רעגירונג האט ניט געוואלט מעהר אויסגעבען געלט אויף זאכען אין וועלכע זי האט ניט געפיהלט קיין שארפע נויטווענדיגקייט. די געביידעס פון די „מאסל שאאלס״ פאבריקען זיינען שוין געווען כמעט אינגאנצען פארטיג, אבער די דאמבע פון מאסל שאאלס שטעהט נאך ניט קיין פארענדיגטע. כדי צו ענדיגען די אונטערנעמונג פאדערט זיך נאך א קאפיטאל פון 30־40 מיליאן דאלאר. די רעגירונג קען די אונטערנעמונג ניט ענדיגען, ווייל דער קאנגרעס וויל ניט באוויליגען די נויטיגע מיליאנען און צאהלען אויף זיי פרישע פראצענטען, וועלכע וועלען פאלען אלס א פרישע לאסט אויף דער באפעלקערונג אין דער פארמע פון נייע שטייערען. אבער אין מאסל שאאלס זיינען שוין אריינגעלייגט געווארען אזוי פיל מיליאנען געלד, זוכט די רעגירונג איצט א בעלן, וואס זאל די פאבריקען אפדינגען און צאהלען רענט, ד. ה., אז די רעגירונג וויל פון דעם מאכען א תכלית און ארויסנעמען כאטש א טייל פון דעם געלד, וואס זי האט אין דעם אריינגעלייגט.

דער איינציגער בעלן, וואס וויל אפדינגען די מאסל שאאלס און פיהרט וועגען דעם פארהאנדלונגען מיט דער רעגירונג איז הענרי פארד. דערווייל אבער קען ער ניט דורכקומען מיט די באדינגונגען. ערשטענס גיט ער א קלענערע פרייז, ווי די רעגירונג פארלאנגט; און, צווייטענס, וויל ער, אז די רעגירונג זאל פארענדיגען די דאמבע, ווייל ער וויל האבען א פארטיגע זאך. ער איז טאקע א פאטריאט, פאר זיין „קאונטרי״ איז ער גרייט צו טאן אלצדינג, אפילו בויען מלחמה טראקס און א באזונדער טיפּ קליינע שיפלאך — פארשטעהט זיך, פאר א פאסענדען מלחמה־פרייז — אבער אויסלייגען די נויטיגע מיליאנען כדי צו פארענדיגען די דאמבע לאזט ער איבער פאר דער רעגירונג.

וואס וועט פארד טאן, ווען ער וועט אפדינגען די מאסל שאאלס? וואס וועט ער דארטען פאבריצירען? דאס ווייס מען ניט. פארד אליין ווייס עס נאך דערווייל אליין ניט. ער קען דארטען טאן פארשידענע זאכען; ער קען דארטען מאכען אן אפטיילונג פון זיינע אויטאמאביל פאבריקען; ער קען דארטען פראדוצירען די ניטראטען סיי פאר אויפרייס מאטעריאלען, סיי פאר פארבען פאר קליידער און סיי פאר באמיסטיגען די ערד. ער קען דארטען פראדוצירען אלומיניאום — א מעטאל אויף וועלכען די נאכפראגע וואקסט פון יאהר צו יאהר און וועלכער קען פראדוצירט ווערען נאר מיט דער הילף פון ביליגע עלעקטריציטעט. ער קען דארטען טאן א סך זאכען. עס איז ניט וויכטיג, וואס ער וועט פראדוצירען. וויכטיג איז נאר, וואס מאסל שאאלס, ווען עס וועט פאלקאם פארטיג ווערען, וועט מיט זיך פארשטעלען א קוואל פון איין מיליאן פערד־קראפט פון עלעקטרישער ענערגיע, וועלכע וועט זיך באגיהן א סך ביליגער, ווי די וועלכע ווערט ענטוויקעלט דורך קוילען. און ווען פארד וועט איבערנעמען די מאסל שאאלס וועט איהם, אלס פראפיט, בלייבען דער גאנצער אונטערשיד צווישען דעם פרייז פון עלעקטריציטעט, וואס ווערט ענטוויקעלט פון וואסער־פאלען און דעם פרייז פון דיזעלביגע מאס עלעקטריציטעט, וואס ווערט ענטוויקעלט דורך קוילען. וואס פאר א ריזיגע פראפיטען מען קען פון דאנען ציהען, קען מען זעהן פון פאלגענדען פארגלייך:

די רעגירונג אין וואשינגטאן האט איצטער אין באטראכטען א גראנדיעזען פראיעקט, וועלכער איז באוואוסט אלס דער „סופערפאוער פראושעקט״. דער פראיעקט שלאגט פאר, אז מען זאל איבער דעם גאנצען געגענד צווישען באסטאן און וואשינגטאן אויסנוצען אלע נאטירליכע וואסער־פאלען און אלע טייכען און טייכלאך (דורך דאמבעס און קינסטליכע וואסערפאלען) צו אנטוויקלען די עלעקטרישע ענערגיע, וואס איז נויטיג צו באטרייבען די פאבריקען און אייזען־באהנען און צושטעלען עלעקטריציטעט צו די פריוואטע וואוינונגען און אפיסעס איבער דעם גאנצען געגענד. דער „דזשיאלאדזשיקאל סערוויי״ האט געמאכט די אלע נויטיגע אונטערזוכונגען און אויספארשונגען, און אין זיין באריכט צום פרעזידענט ווערט, צווישען אנדערעס, געזאגט, אז דער פלאן קאן פארטיג ווערען ביז דעם יאהר 1930; אז אין דעם געגענד זיינען ניטא גענוג וואסערפאלען און טייכען, וואס זאלען פראדוצירען די גאנצע נויטיגע מאס עלעקטריציטעט, און דעריבער וועט מען א טייל פון עלעקטריציטעט מוזען פראדוצירען דורך קוילען אויף דעם אלטען שטייגער, און אז ווען דער פראיעקט וועט פארטיג ווערען און די פאבריקאנטען פון דעם געגענד וועלען קויפען די עלעקטרישע ענערגיע, וואס וועט פראדוצירט ווערען דורך די וואסער פאלען, וועלען זיי מאכען אן עקאנאמיע אין 190 מיליאן דאלאר א יאהר.

אלזא, די גרעסטע פאבריקאנטען אליין, ניט אריינגערעכענענדיג אהער די אייזענבאהנען און פריוואטע איינוואוינער, וועלען מאכען אן עקאנאמיע אין 190 מיליאן דאלאר א יאהר פון דעם, וואס עלעקטריציטעט וועט אנטוויקעלט ווערען דורך וואסערפאלען אנשטאט קוילען.

די אונטערזוכונגען און די אויספארשונגען פון דעם „דזשיאלאדזשיקאל סערווי״ זיינען געמאכט געווארען אונטער דער אויפזיכט פון מר. וו. מארעי, א באַריהמטען ניו יארקער אינזשיניר. אויף א מיטינג פון דער געזעלשאפט פון מעכאנישע אינזשינירען, וואס איז דעם 13טען דעצעמבער אפגעהאלטען געווארען אין דער בילדינג פון דער געזעלשאפט, 29 וועסט 39טע סטריט, האט מר. מארעי, צווישען אנדערעס, געמאכט פאלגענדע צוויי באַהויפטונגען: ערשטענס, אז ווען דער סופערפאוער פראיעקט וועט דורכגעפירט ווערען, וועט דער גאנצער געגענד, ד. ה. די גרויסע פאבריקען, קליינע שעפער, אייזענבאהנען און פריוואטע איינוואוינער, אפשפארען אדער עקאנאמיזירען מעהר ווי 500 מיליאן דאלאר א יאהר דורך דעם, וואס זיי וועלען באנוצען די עלעקטריציטעט, וואס וועט אנטוויקעלט ווערען דורך וואסערפאלען, אנשטאט די עלעקטריציטעט, וואס ווערט אנטוויקעלט דורך קוילען. און, צווייטענס, אז דער סופערפאוער פראיעקט איז דער צווייטער גרעסטער נאך מאסל שאאלס פראיעקט פון זיין מין. מיט אנדערע ווערטער, הייסט עס, אז מאסל שאאלס שטעלט מיט זיך פאר א גרעסערען קוואל פון „ביליגע״ עלעקטרישע ענערגיע, ווי דער „סופערפאוער פראיעקט״ צווישען באסטאן און וואשינגטאן. און איצטער שטעלט זיך פאר, וויפיעל וועט פארד געווינען א יאהר, ווען ער וועט איבערנעמען די מאסל שאאלס!

דערווייל געהען אן פארהאנדלונגען צווישען פארד׳ען און דער רעגירונג. ניט לאנג צוריק איז מר. פארד, אין דער באַגלייטונג פון זיין בוזים פריינד טהאמאס עדיסאן, וועלכער איז ניט קיין קלענערער געלד מאכער, ווי פארד אליין, אפגעפאַרען, אין א ספעציעלען צוג, נאטירליך, קיין מאסל שאאלס און באטראכט די געביידעס און די דאמבע. דערביי זיינען אנוועזענד געווען א היבש ביסעל פארשטעהער פון דער פרעסע, וועלכע האבען געזוכט שטארקע נייעס מאטעריאל. און פאר א גרופע פון צייטונגס־לייט און פארשטעהער פון דער ארטיגער באפעלקערונג און געשעפטסלייט, האט מר. פארד געזאגט פאלגענדעס:

„צוליב וואס, דענקט איהר, וויל איך איבערנעמען די מאסל שאאלס? עס איז דאך ניט דאס געלד, וואס איך זוך; ניט קיין נייע פראפיטען. מיין צוועק איז ניט צו ציהען פראפיטען פאר זיך אדער פאר מיינע געשעפטען אין דעטראיט. מיין איינציגער צוועק איז צו טאן א געוויסע זאך, פון וועלכער די גאנצע וועלט וועט געווינען״.

נאך די ווערטער האט ער אנגעהויבען אנטוויקלען זיינע פלענער. ערשטענס, וויל ער אויפלעבען די אינדוסטריען פון די סאוט, כדי מענשען זאלען האבען ארבייט, זאלען פארדינען געלט, און בכלל אז די באפעלקערונג זאל געדייען. און, צווייטענס, — ווען די רעגירונג וועט אננעמען זיין פארשלאג און וועט איהם איבערגעבען די מאסל שאאלס אויף זיינע, פארד׳ס, באדינגונגען, וועלען דורך דעם

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

דער רוימישער פויפסט בענעדיקט דער 15טער, וועלכער איז דיזע טעג געשטאָרבען, האט דורך די עטליכע יאהר, וואס ער האט פארנומען זיין פעפסטליכען טראן, קלאר געמאכט פאר דער וועלט, אז אין די וויכטיגסטע ענינים פון לעבען, ווי, למשל, קריג און פרידען צווישען די פעלקער, שפּילט רעליגיאָן גאר קיין ראלע ניט. זיינע אלע פרובען צו ברענגען א סוף צו דער וועלטמלחמה, האבען זיך ארויסגעוויזען אלס דורכפאל. אמת, זיינע פארזוכען זיינען געווען זעהר שרעקעדיגע. אבער טאקע די שרעקעדיגקייט זיינע האט באוויזען קלאר, ווי וועניג מאכט עס באַזיצט אפילו דער פויפסט אין היינטיגע צייטען.

מר. נאַבבע, דער וויס־פרעזידענט פון מייל־טראסט, איז ניט לאנג צוריק פאראורטיילט געוואָרען צו 4 מאנאטען פריזאן, ווייל דער געריכט האט געפונען איהם, צוזאמען מיט זיינע דריי חברים שולדיג אין א קאנספּיראציע געגען קאנקורענץ, און אין מאן שלעם, וואס דער באוואוסטער שוירמאן אנטי־טראסט געזעץ פארווערט. אין אנדערע ווערטער, מר. נאבבע איז געפונען געווארען שולדיג אין באַרויבען דעם ליבען פובליקום אויף דעם העכסט־אונגעזעצליכען אופן, און דערפאר האט מען איהם פאר׳משפט צו 4 מאנאטען געפענגניס. געזעסען אבער איז ער בלויז א מאנאט, ווייל אונזער גוטער פרעזידענט הארדינג, דערוויסענדיג זיך, אז הערר נאבבע איז ניט גאנץ געזונד, און אז דאס זיצען נאך דריי מאנאטען קען מאכען, אז הערר נאבבע זאל פאר א צייט ניט קענען אזוי גוט לעבען, ווי פאר דעם, האט איהם באגנאדיגט. געמאכט איז עס געווארען גאנץ שטיל. ערשט נאך אלעמען האט זיך דער עולם דערוואוסט וועגען דעם. האט אונזער קאנגרעסמאן, מייער לאנדאן, אין א רעדע זיינער, געפרעגט ביים קאנגרעס א האַרבע קשיא: ווי שטימט? וואו איז יושר? קוים אמאל האט מען שוין פאראורטיילט א רייכען רויבער צו פיר מאנאטען פריזאן, קומט פרעזידענט הארדינג און באגנאדיגט איהם, און דא זיצען און שמאכטען אין געפענגניסן נאך 118 פאליטישע פריזאנערס, פילע פון וועלכע זיינען פון א גאַרישען ריכטער אין דער צייט פון דער קריגס־היסטעריע פאר׳משפט געוואָרען צו צעהן און צוואנציג יאהר געפענגניס פאר אויסזאגען א מיינונג, פאר ארויסזאגען א מיינונג. און זיי האט פרעזידענט הארדינג נאך אלץ ניט באגנאדיגט. און עס זאל איהם עפּעס שאדען, אויב עס וועט שאדען זייער געזונט! אויף די פראגע פון קאנגרעסמאן מייער לאנדאן און פון אלע אנדערע, וועלכע שטעלען דיזעלבע פראגע, האט דערווייל פרעזידענט הארדינג קיין צופרידענשטעלענדען ענטפער ניט געגעבען.

די שטעלע פון דעם פארשטארבענעם פאפסט וועט ניט בלייבען לאנג לעדיג. באווייזליך, עס איז ניט קיין זעהר שלעכטע שטעלע, און בעלנים זיינען דא גענוג. עס איז אינטערעסאנט, אז דער גלח, וואס איז זיכער אויסגעקליבען צו ווערען, ביים גלייך איבער זיין שלעכטען נאמען. און די מעהרסטע פעלע איז אַם דער לאַמען־בייטעניש, און דאס אויסטאן זיך פון דעם גאנצען פארגאנגענעם לעבען דריבגענד גוזמיג...

די געפלאנטע אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ אין גענואַ וועט, ווי עס זעהט אויס, ניט האבען פיל סים וואס זיך צו באריהמען געגען די קאנפערענץ אין וואשינגטאן. דער דריטער פונקט אין פראגראם לויטעט, ווי פאלגט: „די באדינגונגען, וועלכע זיינען נויטיג פאר דאס צוריקברייינגען פון עקאנאמישען צוטרוי, און דערביי ניט שעדיגען אדער ניט ענדערען די עקזיסטירענדע שטאטען״. דאס מיינט, אז די אייראפעער פון דער קאנפערענץ ווילען וואשען דעם פעלץ און ניט מאכען איהם נאס, א קונסט־שטיק, אויף וועלכער אפילו א לאַיד דזשאָרדזש איז ניט פעהיג.

דר. קאפעלאנד, דער געזונדהייטס־קאמיסאנער פון ניו יארק, מעלדעט, אז לעצטען יאהר זיינען צוועלף טויזענד מענשען געשטארבען פון הארץ־קראנקהייט, מיט קארגע 7 הונדערט מענשען מעהר, ווי לעצטען יאהר. ער ערקלערט די דאזיגע קראנקהייט דורך אונזער יאגעניש. מיר האלטען זיך אין איין יאגען, לויפען צו און פון דער ארבייט, מיר יאגען זיך ביים עסען, מיר יאגען זיך אפילו אין שלאף. איך בין מיט איהם פאלקאם איינפארשטאנען, נאר איך וויל נאך צוגעבען, אז די טויטענצאהל פון הארץ־קראנקהייט וואלט געווען א פיל גרעסערע, ווען אונזערע קלאוקמאכער וואלטען געארבייט אין 1921 שטיקארבייט.

די צייטונגען האבען באריכטעט לעצטע וואָך, אז די רוסישע סאוועטען־רעגירונג האט ארויסבעפרייט פון די געפענגנישען אלע ארעסטירטע מענשעוויקעס. אזוי ווייט, אזוי

אייערע קינדער׳ס אויגען

האבען אייערע קינדער שוועריגקייט אין לערנען? געפינען זיי זייערע לעסאנס צו שווער? איז זייער זכרון שארף אדער שוואך?

אין פילע פעלע איז דאס דער רעזולטאט פון שוואכע, אנגעשטרענג-טע אויגען און א פאר גוט צוגעפאסטע ברילען וועט זיי אייך בא-פרייען פון יעדע שוועריגקייט און העלפען זיי אין זייער לערנען. זעהט זיך מיט דר. בעקער׳ן אין איינע פון זיינע 6 אפטיקעל אפיסעס אין א עקזאמינאציאן וועט באשטימען דעם צושטאנד פון זייערע אויגען.

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 איסט בראדוויי	895 פראספעקט עוו.
ניער קלינטאן סטריט	נעבען 163טע סטריט
102 לענאקס עוועניו	170 פיטקין עוועניו
נעבען 116טע סטריט	נעבען ראקעוועי עוועניו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס

DR. BARNETT L. BECKER

דאָרט האבען [illegible] ליידען און די נויט האָ-
[illegible] איז וואס עס פאדערט זיך
אין פארשיידענע הילפסשטעט. מיר פארע
[illegible] אלע אונזערע פריינ-
[illegible]
[illegible] און זייערע
[illegible]
[illegible]
טע, און צושאפען העלפען דורכפיהרען
דעם גרויסען דרייוו. געדענקט, אז וואס
מעהר ענערגיע עס וועט אין דעם דרייוו
אנגעווענדעט ווערען, אלץ מעהר געלד
וועט געשאפען ווערען, און וואס מעהר
געלד עס וועט געשאפען ווערען, אלץ
מעהר וועלען פון דעם געניסען אונזערע
אומגליקליכע יתומים, אלמנות און פליכט-
לינגע אין רוסלאנד, אוקראינע, פוילען,
רומעניען, פאלעסטינא און אנדערע לענ-
דער, וואו אונזער אומגליקליך פאלק איז
צוזייט און צושפרייט.

צו דער ארבייט, פריינד! העלפט
צאָהלען אט דעם גרויסען און הייליגען
חוב!

מיט אכטונג,
פיפעלס רעליף קאמיטע,
אלעקסאנדער קאהן, טשערמאן,
א. גארעליק, אסיסט. מענעדזש.

באַדינגט זיך אפט, אין דעריבער
דוכט אפילו דאס געקלינגען ווי א חלום
אין די הערצער אין מחות פון די פאר-
שיידענע רעליף פארשטעהער. ווען איז
דער באשלוס איז אנגענומען געוואָרען
כיר האבען אבער געפיהלט, אז דא שטע-
הען פאר אונז ניט בלויז שלעכטע אומ-
שטענדען, נאר מיליאָנען מענשליכע לע-
בענס, און מיט אט דעם געדאנק אין אונ-
זערע הערצער און מחות האבען מיר פעסט
באשלאסען, אז אונטער אלע אומשטענדען
וועט די סומע מוזען געשאפען ווערען.

מיט אט דעם געדאנק און מיט דער
פעסטער איבערציינונג האבען מיר זיך
אריינגעוואָרפען אין דער ארבייט, און עס
פרעהט אונז אייך צו מעלדען, אז ווען מיר
שרייבען אט די שורות, קומען אריין בא-
ריכטען פון איינע סטייטס, וועלכע הא-
בען שוין אפגעהאלטען זייערע קאמפיינס,
אז די קוואטאס וועלכע זיינען אויף זיי
ארויפגעלעגט געוואָרען, זיינען ניט נאר
געשאפען געוואָרען, נאר האבען איבער-
געשטיגען אייניגע אין הונדערטער טוי-
זענדער און אייניגע אין צעהנדליגער טוי-
זענדער דאלארס. אט די ערפרעהענדע
נייעס גיט אונז נאך מעהר מוט פארטצו-
זעצען אונזער קאלאסאלע ארבייט און
מיר זיינען אין דעם מאמענט מעהר ווי
זיכער אז ניט נאר וועט די סומע פון 14
מיליאָן דאלאר געשאפען ווערען, נאר אז
זי וועט איבערשטייגען אין הונדערטער
טויזענדער דאלארס.

ניו יארק האט אויף זיך גענומען א
קוואטא פון 6 מיליאָן דאלאר. די לעצ-
טע קאנפערענז, וואס איז דא אפגעהאל-
טען געוואָרען פון די פארשטעהער פון
די 3 פארשיידענע קאמיטעטן, און פון
דעם וואונדערבארען גייסט וואס עס האט
דארטען געהערשט, זיינען מיר זיכער, אז
ניו יארק וועט איהר חלק צוטראָגען, און
וואס ניו יארק קען טאָן, קען זיכער טאָן
יעדע אייניציגע שטאדט אין לאנד, ווי זיי

פרינשטיין׳ס דעזיינינג אקאדעמי.



לערנט דרעפינג, פּע-
טערן מייקינג, פעשאן
סקעטשינג, שניידען,
גריידינג און ספעשעל
קאָסטיומס מיט א
גאראנטי און לייכטע
באדינגונגען.

מאנופעקטשורערס קע-
נען באקומען סטיילס
קאָפּירט — פעטס און
סיגנאל פעטערנס אוריגינעלע סטיילס.

פרינשטיין׳ס פּריוואטע דיזיינינג אקאדעמי
פרינשטיין׳ס בילדינג
81 וועסט 118טע סטריט, ניער לענאקס עוועניו
טעלעפאן יוניווערסיטי 7786

ליידיס טיילארס, סאמפּלמאכער און אלטערישאן שניידער יוניאן, לאקאל 3

זעהר וויכטיגע מיטינגען פון דעם לאקאל וועלען געהאלטען ווערען ווי פאלגט:

דער סאמפעל מאכער בראנטש

וועט מיטען אין לייבאר טעמפעל, 14טע סט. און 2טע עוועניו, שבת, דעם 28טען יאנואר, 1922, אום 1 אוהר נאכמיטאג.

דער ליידיס טיילארס בראנטש

וועט מיטען אין לאורעל גארדען, 75 איסט, 116טע סט., דינסטאג 8 אוהר אווענט, דעם 31טען יאנואר, 192.

אויף דעם טאג־ארדנונג וועט זיין:

1. ערשטע און לעצטע נאמינירשאנס פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס און פאר סעקרעטער־מענעדזשער פון לאקאל.
2. די ערוועהלונג פון אן עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע.
3. צו באשטימען די שטאדט וואו עס זאל זיין די נעקסטע אינטער-נעשאנאל קאנווענשאן.

זאל קיין מיטגליד פון דעם לאקאל ניט פארפעהלען צו אטענדען דעם מיטינג פון זיין בראנטש.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 3
ס. לעפקאוויטץ, מענעדזשער־סעקרעטער.

נ. ב. די אבדזשעקשאן קאמיטע וועט מיטען דעם 4טען פעברואר, אין 12 וועסט 29טע סטריט, 1 אוהר מיטאגצייט.

דער עלעקשאן וועט פארקומען דעם 11טען פעברואר אין ברייענט האל, 725 זעקסטע עוועניו, 1 אזייגער בייטאג.

דעזיינערס פון

פרויען קליידער ווערען א סך פארלאנגט

א גוטע פראפעסיע פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באל-דיגע פאזישאן און א גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול און גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריי-דינג און פיטינג פאר פרויען קליי-דער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מאטאדען
בעסטע רעזולטאטען

פריוואט אונטערריכט. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציע.

פרייע דעמאנסטרייִשאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

DEMONSTRATIONS FREE AT THE SCHOOL

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

912-920 BROADWAY (Cor. 21st St.), NEW YORK
Phone: STUYVESANT 8383.
Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

אויפמערקזאם!

א ספעשעל דזשענעראל מעמבער מיטינג

וועט שטאטפינדען

שבת, דעם 28טען יאנואר, 1 אוהר נאכמיטאג, אין מאנהעטען ליסעאום, 64 איסט 4טע סטריט.

פאלגענדעס וועט פארהאנדעלט ווערען:

1. ברודער שעהן, מענעדזשער סעקרעטער פון לאקאל, וועט אב-געבען אן אלגעמיינעם באריכט פון סטרייק און וועט אויך רעדען וועגען די אויסזיכטען פאר דער צוקונפט.
2. עס וועט געשטימט ווערען דער רעפערענדום אין וועלכער שטאדט די נעקסטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל זאל שטאט-פינדען.
3. עס וועלען אויך פארקומען די ערשטע נאמינײשאנס פאר קאנ-דידאטען צו דער עקזעקוטיוו באארד פאר דעם יאהר 1922.

ברידער! ווי איהר זעהט זיינען די פראגען פון גרוים וויכטיגקייט און זעהר אינטערעסאנט. עס איז דעריבער די פליכט פון יעדען מעמבער ניט צו פארפעהלען ביי-צואוואוינען דיזען העכסט וויכטיגען מיטינג.

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1

ב. קאפלאן, טשערמאן. ב. שעהן, מענעדזשער־סעק.

דעזיינינג און סקעטשינג

א וואונדערבארע פראפעסיע!!!

פארלירט ניט די געלעגענהייט — פאנגט אן גלייך.

איהר קענט ווערען א פעטערן מאכער און א גארמענט סקעטשער אין דריי מא-נאטען אדער אין נאך ווייניגער. מען דארף ניט האבען קיין עקסטרא טאלאנט אויסצולערנען זיך דעם „מארען סיסטעם" פון פעטערן־מייקינג, גריידינג, דראפ-טינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון ליידיס, מיסעס און טשיל-דרענס קלאוקס, סוטס און דרעסעס.

פריוואטע לעסאנס פון פראקטישע עקספערטען—מעסיגע פרייזען.

קומט אירגענד וועלכען אווענד פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

די מארען פעשאן אקאדעמי.

114 וועסט 44טע סט., רום 701. אנטקעגען דעם בעלאסקא טעאטער

אויפרוף פון פיפטע'ס דעליף קאמיטע

טייערע פריינד:

מיר רופען אייך איצט אין דעם זיבעטען יאהר פון אונזער עקזיסטענץ. איצט אין א צייט ווען די הונדערטער טויזענדער און מיליאנען פון אונזערע אומגליקליכע אידישע קרבנות אויף יענער זייט ים ליגען נאך אלץ אין די חורבות פון זייער צושטערטען און צובראכענעם לעבען, וואס פריהער די גרויזאמע מלחמה און נאכדעם די אונאויפהערליכע בלוטיגע פאגראמען האבען אויף זיי געבראכט.

זיבען לאנגע יאהר פון בלוט פארגיסונג, נויט און שוידערליכע עפידעמיעס זיינען אונזערע אומגליקליכע ברידער אויסגעשטאנען. הונדערטער, טויזענדער פון זיי האבען דאס שוין ניט געקענט אויסהאלטען און זיינען אין הונגער און קעלט פון דער וועלט אפגעשיידט געווארען. הונדערטער, טויזענדער אידישע לעבענס זיינען פון די פינסטערע און בלוטיגע פאגראם באנדעס פארניכטעט און באגראבען געווארען אויף די וועגען, שטעגען און פעלדער פון פוילען, אוקראינע, וייס רוסלאנד און אנדערע געגענדען. איבערלאזענדיג הינטער זיך הונדערטער, טויזענדער יתומים'לאך וועלכע געפינען זיך איצט אין די שרעקליכסטע אומשטענדען. און אויב מיר, אמעריקאנער אידען, וועלכע זיינען זייערע איינציגע רעטער, וועלען זיי ניט קומען צו הילף אין צייט, ערווארטעט זיי דער זעלבער ביטערער שיקזאל וואס האט געטראפען זייערע אומגליקליכע עלטערן.

די יאמערליכע קולות פון די אומגליקליכע יתומים טראגען זיך צו אונז אריבער פון יענער זייט ים. זיי רופען צו אונז נאך הילף. קענען מיר אין דעם מאמענט פארשטאפען אונזערע אויערען און איבערלאזען זייערע קולות ווי א קול אין דעם מדבר? ניין, מיר הענען ניט און מיר טארען דאס ניט טאן. מיר מיזען, טראץ דער שווערער עקאנאמישער לאגע וואס הערשט איצט ביי אונז אין לאנד, צוזאמענגעהמען אלע אונזערע כחות און פון דאס ניי אנהויבען אונזער גרויסע הילפס־ארבייט, ווי מיר האבען דאס געטאן אין די פריהערדיגע יאהרען, און וועלכע מיר האבען שרעקליך פארנאכלעסיגט אין די לעצטע פאר יאהר.

מיר ווייסען אז פילע פון אונזערע אלטע, גוטע וואלאנטירען זיינען שוין מיר געווארען פון דער ארבייט, און קיין פיל נייע זיינען ניט צוגעקומען. ווילען מיר דא טאקע רופען צו אט די אלטע, אויסגעפרואווטע סאלדאטען פון אידישען פאלק און זיי בעטען, אז זיי זאלען נאך א טראכט טאן און באגרייפען וועגען די שרעקליכע צרות אין וועלכע אונזער אידיש פאלק געפינט זיך נאך איצט אויף יענער זייט ים, און מיר זיינען זיכער, אז ווען אט די נאבעלע מענשען, וועלכע האבען אויסגעגעבען כמעט זייערע לעבענס פאר דער גרויסער רעטונגס־ארבייט, וועלען מאכען אט דעם חשבון הנפש, וועלען זיי מיט נייעם אימפעט און מיט נייער ענערגיע זיך אריינווארפען ווידער אמאל אין דער ארבייט און אונז העלפען פארענדיגען אונזער קאלאסאלען חוב, וואס מיר, מיט זייער הילף, האבען אנגעהויבען צאהלען אונזערע אידישע קרבנות.

מיר רופען אייך איצט, אין דעם מאמענט, ווען דאס אמעריקאנער אידענטום האט זיך פארפליכטעט דעם יאהר צו זאמלען א סומע פון אם ווענינגסטענס 14 מיליאן דאלאר (מיר מיינען דא דעם 14 מיליאן דאלאר דרייוו, וואס איז אונטערנומען געווארען פון דער דזשאינט דיסטריבושאן קאמיטע), א סומע, אויב דאס זאל נאר געזאמעלט ווערען, דערמאגט זיך וויפיל מענשליכע לעבענס וועלען פון דעם געראטעוועט ווערען, וויפיל וואונדען עס וועלען דורך דעם פארהיילט ווערען, וויפיל חורבות עס וועלען פון דעם צוריק אויפגעשטעלט ווערען. און ווען איהר וועט דאס אלעס באטראכטען און גוט באגרייפען, האפען מיר, אז איהר וועט ניט בלייבען גלייכגילטיג און דאס איבערלאזען פאר אנדערע, נאר איהר וועט אליין העלפען אין דער ארבייט צו פארווירקליכען די שאפונג פון אט דער קאלאסאלער סומע. איהר דארפט פארשטעהן גאנץ גוט, אז ווען איהר וועט ניט טאן א טייל פון אט דער גרויסער ארבייט, וועט די סומע נים געשאפען ווערען.

14 מיליאן דאלאר. עס קען קלינגען ווי אן אוממעגליכקייט, אז אזא קאלאסאלע סומע זאל קענען געשאפען ווערען, ווען מיר נעהמען אבער אין אנבאטראכט די אידישע איינוואוינערשאפט אין אמעריקע, איז די סומע גארניט קיין גרויסע, און עס האט געדארפט געשאפען ווערען נים נאר 14 מיליאן דאלאר, נאר 14 מאל אזוי פיל. מיר האבען זיך אבער געמוזט רעכענען מיט דעם נים נינסטיגען עקאנאמישען צושטאנד, אין וועלכען אונזער [illegible]

[illegible] ווי עס איז געוואקסן [illegible] דעם [illegible] די [illegible] „גערעכטיגקייט" [illegible] מען מיר בעים איבן ניט געקאנט אייער איבערדיק פון פיפטע, נאר ווי דאס איז געמיינט, איז דאס אין דעם איינציגן פאַלט ניט אם פלאץ. מיר פילן זיך ניט אויף [illegible] געזאגט דאס צו טאן. [illegible] האבען ניט און קענען ניט מאכען אויף אונזער [illegible] היינט דעם [illegible] זיינען מיר דאך ניט פון נעמען און [illegible] לעבען, און מיר האבען זיך [illegible] אויסגעלערנט איבערצו[illegible] [illegible] קעס.

ב. פעלדמאן. — דאס איז בובשטעבליך ריכטיג. קיין [illegible] געלט פון דעם גאנצען מיליאן דאלאר, וואס דער סטרייק האט אפגעקאסט, איז ניט געקומען פון קיין אנדער קוואל, ווי נאר פון די פאקעטס פון די קלאוקמאכער. און דאס איז מיט רעכט א קוואל פון [illegible] [illegible] אין [illegible] פאר [illegible]. עס איז דאס עיקר מער אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג. ווען א סטרייק, וואס האט געדויערט [illegible], פון אזא גרויס [illegible] נאך אין [illegible] רענג שטעדט, איז אויסגעקומען אין די מיג[illegible] רעכטע [illegible] פון דער [illegible] אנדערע יוניאנס, וועמען די אינטערנעשאנאל איז געקומען בארייטוויליג צו הילף אין אלע זייערע נויטען. וואס אנבאטרעפט דעם פאקט, וואס פרעזידענט שלעזינגער האט דערמאנט אויף'ן לעצטען מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באורד, זיינען מיר [illegible] דעם ניט ארויסגעגעבען א ספעציעלע ביוליעטין, ווייל מיר ווייסען, [illegible] ניט אלע אינטערעסירט פון דער [illegible] אנגעלעגענהייט.

ל. גראדסקי. — שרייבט, אויב איהר מיינט שרייבען, נאר באלדיג עס ביז דער צייט, ווען די מענשען וועלען דערוואקסען ווערען און שעצען אייער קונסט. מיר זיינען נאך ניט דערוואקסען דערצו. און מיר זעהען ניט איין, וואס איהר, וועלכער דענקט אזוי וועגען אונז, זאלט גאר פארבעטען אונז צו שיקען אייערע קונסט ווערק.

ז. גאלדמאן. — מיר זיינען ניט געווען ביי דער פארשטעלונג, אויף וועלכער אדלער'ס 50 יעהריגע ווירקען אויף דער בינע איז געפייערט געווארען. מיר קענען אייך דאריבער נים זאגען, ווי ער איז אונז געפעלען. די אויפֿזאגען פון אונזער נים־זיין איז א פשוט'ע. מען האט אונז פארגעסען איינצולאדען. זייער [illegible], מיר, אז עס איז ניט אדלער'ס שולד, ווייל מיר ווייסען, ווי אדלער פיהלט און דענקט וועגען אונז. וואס אנבאטרעפט דאס, וואס מיר דענקען וועגען דזשייקאב אדלער, אלס קינסטלער, קאן עס געזאגט ווערען אין א פאר ווערטער. מיר האלטען איהם פאר איינעם פון די באדייטענדסטע קינסטלער אויף דער אידישער ביהנע. מיר דענקען, אז מיט זיין שפילען אין ארבייטער אלס [illegible] [illegible], האט ער זעהר [illegible] געגעבן פאר דעם ערפאלג פון דער בעסערער אידישער דראמע. ער האט דערום בכר פארדינט דעם כבוד, וואס דער גרויסער עולם אין נויהעשטן אפערע הויז האט איהם ביים באנקעט ארויסגעוויזען. מיר הערען, אז תוך כבוד האט די פארשטעלונג איהם אריינגעבראכט די היבשע סומע פון 10 טויזענט דאלאר. מיר פארגינען עס איהם מיט'ן גאנצען הארצען, ווייל די מעגליכקייט פאר איהם ווייטער צו שפילען איז, ווי עס זעהט אויס, געענדיגט אויסגעשלאסען; און דער גראנק, אז דזשייקאב אדלער זאל ליידען די מינדעסטע נויט אין זיינע עלטערע יאהרען, איז ווירקליך אונערטרעגליך.

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] מען געווארט. [illegible] מיר אנגע[illegible] [illegible] מ[illegible] די [illegible] איז [illegible] די בעסטע, אבער עס פעהלט אונז לייזער די [illegible] מוזאיקע צו הערען, וויי מיר וואר[illegible] מען געזאגט. [illegible] [illegible] גענער[illegible] ניט. [illegible] ניט ווארט, וואס דער באמערקט ווערען. אז עס פעהלט אונז צו הערען, דאס ביי אונז דאס אויך געזאגט פאר די ני[illegible] אין [illegible] א פימע פון איבער וועקס מיליאנען דאלער. דורך פארשידענע אונטערנעמונגען. פאר אזא שטאדט, ווי דאס אנדרושעלעס, איז דאס א גאנץ היבשע סומע. מיר האפען, אז איהר וועט אויסנוצען, אז דאס געלט זאל געהן נאר פאר דער פארזיכערונג פון דער רענט פון די פארהונגערטע אין רוסלאנד.

רושעני בעררים. — וועט פארעפענטליכט ווערען נים פארגעניגען, ווייל עס איז א גאנץ שעהנע זאך. פארשטעהן אבער ניט אויער בעזנס פאר די פריהערדיגע עטליכע מאל'. וועלכע עטליכע מאל? עס איז דאך געווען בלויז איין מאל, און דאס דערפאר, ווייל מיר האבען געגעבען אין רעכענען נאך אייגע, אז עליוב די אמע אונטערברעכונגען מוז די זאך פארלירען איהר גאנצען חן. דער מבוח דעם בוך. דאס בוך ווארט שוין אויף אייער שיקעטער א היבשע עטליכע וואכען. אבער זי קומט נים נאך איהם. מיר, אליוס, ערקלערען זיך „נאט גילטי".

ב. גרינבערג. — דער נאמען שאול מעז, טשעיזמאן פון דער ארגאניזיישאן קאמ. וועלכער האט אויסגעשטן וואונדערליכע ארבייט פאר דעם נאר־וואס געענדיגטען קאמף, איז פון אונז נים פארגעסען געווארען. נאר עס איז ארויסגעפאלען, דורך א טעות, א גאנצע שורה, און מיר האבען זיך ביים פרופליינען נים געכאפט. דאס איז א שרעקליך פארדראסיגע זאך, און קיינעם מים עס אזוי נים ליוה, ווי אונז, ווייל מיר ווייסען, אז שווער ווי עס איז געווען די ארבייט פון אלע טשעירליים פון די פארשידענע קאמיטעס, איז אבער די ארבייט פון ברודער מען געווען די שווערסטע און ביז צו א געוויסען גראד די פאראנטווארטליכסטע. וואס אנבאטרעפט דאס אויסלאזען פון פילע אנדערע נעמען פון מענשען, וואס האבען געוויס גרויסע פארדינסטען, מוזען מיר זאגען, אז שטארק ווי עס וואלט געווען ניטיג צו געבען אלעמענס נעמען, איז עס אבער פשוט א פיזישע אוממעגליכקייט. פארגעסט ניט, אז די נעמען פון אזעלכע מיער קענען געצעהלט ווערען אין די הונדערטע אויב נים, אפשר, אין די טויזענטע. זייערע נעמען אבער וועלען צוליב דעם נים בלייבען פארגעסען. זייער גרויסע ארבייט רעדט פאר זיי פיל, פיל העכער, ווי מיר וואלטען עס געקאנט טאן. יעדענפאלס, בעטען מיר אלע, אלע, וועמען עס פארדריסט, וואַרום מיר האבען זיי נים דערמאנט מיט די נעמען, אז זיי זאלען אונז מוחל זיין. עס איז ניט געווען אונזער ביזער ווילען דערביי, נאר די איינצאַבע אוממעגליכקייט דאס איבערצופיהרען.

ב. ר. — מיר ווייסען אין דעם נים קיין באַרייטיגונג פאר זיך. מיר גלייבען נים, אז עס איז געווען דער מיגדעסטער פארזאַג פאר דעם. פשוט די צייט איז געווען צו קורץ. דערצו האבען מיר דאס אונזעריגע געזאגט אויף דעם פארלעצטען מיטינג און א חוץ [illegible]

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

ב. פארב. — [illegible] מיר האבען ניט [illegible] [illegible] פאר דעם [illegible] דער [illegible] איז א גאנץ שעהנע. אבער עס [illegible] די [illegible] פון [illegible] מיר [illegible] אויך בעטען אונז מעהר נים צו [illegible] עס איז א פאר אונזער אין אייער [illegible] [illegible].

[illegible] — א גאנץ [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

מ. הילער. — מיר [illegible] אייער בריף, אבער [illegible] [illegible] די [illegible]. אבער מיר מוזען זיין גאנץ [illegible] [illegible] מיט איהם אין אייך זאגען, אז מיר [illegible] נים. דאס אייערע פאר [illegible] פיל הערען דער [illegible]. [illegible] איז [illegible] האט די פארשידענהייט אין [illegible] פון דער [illegible] פון אונזערע יוניאנס פון די [illegible] בעלי מלאכות פון [illegible] אין [illegible] ארגאניזאציאנען [illegible]. [illegible] [illegible] פון [illegible] זיינען אין די מעהרסטע [illegible] צו קומען נאך אמעריקא דורך [illegible], איז דאס אבער נים אזוי. דער פאר [illegible] די בעלי מלאכות פון ארגאניזאציא, באשט [illegible] זיינען זיבער, אז אויך זיי [illegible] נים [illegible] פאר די [illegible] [illegible] [illegible] א [illegible]. דאס איז דער הויפט גרונד. נאך א גרונד איז דא, וואס בעת מיר זיינען גוט באקאנט מיט דער ארבייטער באוועגונג פון [illegible], ווייל די מעהרסטע פון אונז זיינען דארט, [illegible] אימיגראנטען, זיינען מיר אבער [illegible] באקאנט מיט דער ארבייטער באוועגונג אין ארגאניזאציא. די מעהרסטע בעלי מלאכות פון אונזערע יוניאנס ווייסען גאר נים פון דער עקזיסטענץ פון א שנייראָר יוניאן אין [illegible] אירעס און וואס זי טוט אויף פאר די דארטיגע ארבייטער. און אייער בריף אליין וועט נים האבען די נייטיגע ווירקונג. וואס עס איז נויטיג, איז אז דער שניידער פארבאנד פון [illegible] אירעס זאל דורך זיינע באאמטע זיך צוזאמענווירען דורך א בריף פון זייט צו צייט מיט די באאמטע פון די היגע יוניאנס. מיט דער צייט קענען די פארהעלטניסע צווישען די יוניאנס ווערען נעהנטערע, און דאן קען א מימגלידסקארטע פון דעם פארבאנד פון ארגענטינא ווערען, נאך א געוויסען אפמאך, אנערקענט פון די היגע יוניאנס. אודאי וואלט עס געווען זעהר ווינשענסווערט, אז יעדער ארבייטער זאל פריינגעבענדיג ווערען אין דער יוניאן גאר אהן פילע פארמאליטעטען, און מיר האפען, אז מיט דער צייט וועט עס אויך אזוי זיין; אבער אונזער די אימשטאנדען איז דער [illegible] לאגע, לויט אונזער מיינונג, דער פראקטישער. וואס קען לייכטער מאכען דאס פריינגעמען פון ארגענטינער יוניאן שניידער אין אונזערע יוניאנס.

י. סוכער, לאס אנדושעלעס. — שטארק האט מיר פיינטערווירען מיט אייער ארבייט און מיט דער ארבייט פון אלע אונזערע ארבייטער פון אמעריקע בכלל פאר דער שאפונג פון הילף פאר די הונגעריגע אין רוסלאנד. מוזען מיר זיך דאך אנצואגען צו פארעפענטליכען אייער אויפרוף; ווייל אין מאנגען מיר אן דרוקען אויערע גאנץ לאקאלע אויפרופען, וואלטען מיר פשוט געמוזט אפגעבען דעם גרעסטען טייל פון דער צייטונג פאר דעם. און דאס קענען מיר נים. א חוץ דעם, איז ער אייך פון קאטשען גוטען. אט, למשל, מעלדעט איהר פון אייער אונטערנעמונג פאר דעם 22טען יאנואר. און איהר אגיטירט פאר איהר זעהר שטארק. אבער, ווען די צייטונג וועט צו אייך אנקומען, וועט דער טאג שוין נאך אלעמען. וועלכע אויפרופען האבען געדרוקט ווערען אין דער לאקאלער צייטונג; און, אויב ביז אייך איז גיכט וועלכע, הארצען ווי פארשפרייט ווערען דורך הענדבילס, צירקולארען. און אז מיר זיינען

[illegible] דאס ווערט אויך נים אנגענומען, ווערען פרשט דעמאלט אנגעוועגדעט מיטלען דעם שאפ ארונטערצונעמען אין סטרייק. ערערביי העלפען, פארשטעהט זיך, זעהר פיל די פאר יוניאן ארבייטער וואס ארבייטען אין כמעט יעדען נאן־יוניאן שאפ.

אט דאס איז אין קורצען ווי אזוי דער נייער ארגאניזאציאנס פלאן ארבייט. מיט דעם וואס איז איבערגעגעבען געווארען אין די עטליכע שורות איז נאך ווייט נים דערצעהלט אלץ וועגען דעם דאזיגען פלאן. ביז איצט איז דעם דזשאינט באארד געלונגען ארונטערצונעהמען דרייסיג אזעלכע נאן־יוניאן שאפער, וועמעס בעלי־בתים וועלען פריהער אדער שפעטער מוזען אונטערשרייבען אגרימענטס מיט דער יוניאן.

דזש. האלפערין, מענעדזשער פון'ם דזשאינט באארד, גלויבט, אז אין א גאנץ קורצער צייט וועט די יוניאן האבען אונטער איהר קאנטראל וועניגסטענס א דריי הונדערט נייע שאפער, וואס זיינען איצט נאן־יוניאן שאפער.

אין גרינוויטש־ווילעדזש

פון נחום י.

זיצט זיך יעדער אין זיין ווינקעל
זוכט דעם אומזין צו פארשטעהן;
טונקעל ברענט אין רויך די ליכט.
גיבען אויגען ווען א פינקעלע,
גיט א שמייכעל א געזיכם —
איינצוהאלטען דאס געוויין...
רגע'ם לויפען, רגע'ם שווימען
און מיט מויזענס הויכע שטימען
שריים דער צער אין מיר: — אליין!...

זאל איך זיך צו וועמען ווענדען,
זאל איך זיך צו וועמען קערען,
נים מים טרערען —
טרערען בלענדען,
טרערען פרעהען,
נאר מיט ווילדע וועה־געשרייען,
וועלכע שטומען ערגעץ מיף —
און פון וועלכע קיינער האט נים,
קיינער האט נים קיין באגריף...

סעמיועל שאר ווערט אנגעשטעלט אלס גענעראל ארגאנייזער פון דער פיפעלס רעליעף קאמיטע

פריינד ס. שאר, נעוואַרקער וויים-טשערמאן פון פיפעלס רעליעף, און נעוואַרקער מענעדזשער פון דער ווייסט גודס ווארקערס יוניאן, פאהרט ארויס אויף א טור פאר דער פיפעלס רעליעף קאמיטע, וועלכער וועט זיך אנפאנגען דעם 27טען יאנואר און וועט זיך ענדיגען דעם 2טען אפריל. אין פארלויף פון דיזער צייט וועט ער באזוכען פאלגענדע שטעדט, וואו ער וועט די דארטיגע טוער העלפען ארגאניזירען די הילפס-ארבייט, ספּעציעל אין דעם איצטיגען דרייוו פאר 14 מיליאן דאלער:

אלבאני, יוטיקא, סיראקיוז, ראטשעסטער, באפאלא, אירי, קליוולאנד און ארומגעגענד, טאלידא, דעטראיט, גרענד רעפידס, שיקאגא, מילוואקי, מעדיסאן, מינעאפאליס, סט. פאול, סיו-סיטי, אמאהא, לינקאלן, דעס-מאינס, סט. לואיס, קענזעס סיטי, דענווער, לאנג ביטש, סאנטא מאניקא, סאן דיעגא, פרעזנא, סטאקטאן, סאקראמענטא, פעטאלומא, אוקלאנד, סאן פראנציסקא, סאן דזשאו, סאנטא בארבארא, לאס אנדזשעלעס, היוסטאן, גאלוועסטאן, פארט ווארטה, דאלאס, שריוופארט, ניו-ארלינס, מעמפיס, נעשוויל, טשאטאנוגא, אטלאנטא, מייקאן, נארפאלק, ריטשמאנד, וואשינגטאן, באלטימאר.

מיר בעטען אלע אונזערע טוער פון די אויבען-דערמאנטע שטעדט אין בפרט: ציעל די ארטיגע ארבייטער רינג בראַנטשעס, בראַנטשעס פון נאצ. ארבייטער פארבאנד, פועלי ציון, סאציאליסטישע בראַנטשעס און יוניאנס, מיטצוהעלפען פריינד שאר'ן אין דער ארבייט פאר אינזערע אומגליקליכע קרבנות אויף יענער זייט ים. מיר ווילען דערביי באמערקען, אז פריינד שאר איז אויסער א פעהיגער ארגאנייזער אויך אן אויסגעצייכנעטער רעדנער. בריף צו די אלע שטעדט זיינען שוין ארויסגעשיקט געווארען.

העלפט צוריק אויפבויען דעם חרוב-געווארענעם לעבען פון אונזער אומגליקליכען אידישען פאלק אין די מלחמה און פאגראם לענדער!

אכטונגספאל,
פיפעלס רעליעף קאמיטע, ניו יארק.

יצחק אייזיק הורוויטש
האט געעפענט א
לאָא אפיס
אין 280 בראָדוויי
(קארנער פון טשעימבערס סטריט)
ISAAC A. HOURWICH
Attorney and Counselor at Law
280 Broadway
Room 431 Tel. Worth 1938

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער
62 איסט 106טע סטריט,
צווישען פארק און מעדיסאן עוועס.
צו פארדינגען א גרויסען האל
קאן אריינגעמען 600 מענשען
פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונגען, חתונות און אז. וו.
אויך אפיסעס און מיטינג רומס.
אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.
טעלעפאן: הארלעם 9020.

קלאוקמאכער
אויפמערקזאם!

קאמפליינטס פון קלאוק שעפער
ווערען אויפגענומען ווי בעפאר
אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד
40 א. 23טע סט. קלאוק און ריפער שעפער אויפ'ן 1טען פלאר.
דרעס און סקוירט שעפער -- אויפן 2טען פלאר.
פראטעקטיוו שעפער אויפ'ן 3טען פלאר.

קאמפליינטס פון דאון-טאון קלאוק שעפער
ווערען אויפגענומען
אין דעם דאון-טאון אפיס
35 איסט 2טע סטריט, קארנער 2טע עוועניו.

די קלאוקמאכער, וואס האבען קאמפליינטס צו מאכען, זאלען זיך ווענדען אין די אויבענדערמאנטע פלעצער.

איזראעל פיינבערג,
דזשענעראל מענעדזשער.

סקוירט און דרעס מאכער לאקאל 23
וועהלען פאר לאקאלע אפיסערס, די מעמבערס פון עקזעקוטיוו באארד, טראסטיס, א רעליף קאמיטע.

וועלען פארגעהאלטען ווערען

שבת, דעם 4טען פעברואר, אין אונזער אפיס, 231 איסט 14טע סטריט

שטימען וועט מען קענען פון 1 איהר פריה ביז 4 איהר נאכמיטאג.

שוועסטער און ברידער, קומט אין מאסען און שטימט פאר די בעסטע מענשען צו פארוואלטען אונזער לאקאל פאר'ן נעקסטען יאהר.

נ. ב. אלע נאמינירטע קאנדידאטען זיינען איינגעלאדען צו ערשיינען פאר אינזער עקזאמינײשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע, שבת, דעם 28טען יאנואר, אין אינזער אפיס, נישט שפעטער ווי 1 איהר נאכמיטאג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

Happiness For Every Home
קויפט אייער וויקטראלא דירעקט פון
סאול בוירנס
גרויסארטיגע שעהנע אינסטרומענטען, וועלכע גיבען ארויס א קלארען טאן, פיינע ארבייט, אויסגעשטאטעט מיט די לעצטע פאטענטירטע איינריכטונגען, פאר דעם פרייז פון $100 איז עס א וואלפעלע מציאה. נאך מעהר איז ער דורך אונזער אפער

א ספעשעל אפער יעצט!
וויקטראלא / סאנארא — אזוי ווי דא אילוסטרירט $100
גראפאנאלא / עאליאן — אויסוואהל פון רעקארדס $ 10
צוזאמען $110
אהנע דעפאזיט

בלויז $5 מאנאטליך

$100—VICTROLA SONORA—$100
אנדערע סטיילס $25, $35, $75, $125, $150, $225, $250, $275, $350

פיאנאס אויף לייכטע אפצאהלונגען
אפרייט פיאנאס $2 וועכענטליך

פלייער פיאנאס $3 וועכענטליך

מיר טרויען אייך. קיינע גאראנטים אדער רעפערענסעס נים נויטיג
SAUL BIRNS
STORES OF SATISFACTION

BROOKLYN	BRONX	HARLEM	DOWNTOWN
17 פיטקין עוו. נער אמבאי סט.	813 וועסטשעסטער עוו., ניער פראספעקט סטיישאן	1366 5טע עוו., ניער 118טע סט. (בלויז וויקטראלאס)	111 סעקאנד עוו., ניער 7טע סט.

אונזערע סטארס זיינען אפען יעדען אבענד ביז 10 איהר; זונטאג ביז 8

קלאוקמאכער, מיר באגריסען אייך

מיט אייער צוריקקעהר צו דער ארבייט!

נעמט אן אונזער ערנסטע פארזיכערונג — איהר זיגרייכע קלאוקמאכער, — אז די פירמע דייטש בראדערס באטייליגט זיך מיט'ן גאנצען הארצען אין אייער גרויסער, יו־בעלירענדער פרייד וועלכע הערשט איצט אין אייערע רייהען.

איהר האט געפיהרט א העלדישען און גערעכטען קאמף; איהר האט געקעמפט ניט פאר א העכערונג פון וויידזשעס און מאטעריעלע געווינסען, נאר פאר א הויכען הומאנעם פרינציפ און דערפאר האט איהר פון ערשטען טאג, ווען איהר זענט ארויס אין שטרייט געקראגען די סימ־פאטי פון אלע רעכטדענקע עלעמענטען פון דער געזעלשאפט אויף אייער זייט, און פארזי־כערט דערמיט אייער איצטיגען זיעג.

די פירמע דייטש בראדערס, וועלכע קומט אזוי אפט אין באריהרונג מיט די מעהרסטע פון אייך און האט געהאלפען אויפבויען און פארשעהנערען אייערע היימען, האט ביי אייער ערשטען ארויסטריט אין קאמף ניט נאר אויסגעדריקט צו אייך איהר טיעפע סימפאטי און אייך געשיקט איהרווארימסטע ברכה, נאר זי האט אייך געמאכט א פראקטישען שריט צו העלפען אייך און פארלייכטערען פון איהר זייט אייער לאגע.

די פירמע דייטש בראדערס, האט באלד פון ערשטען טאג, ווען איהר זענט ארויס אין סטרייק איינגעפירט אין איהרע סטארס, אז אלע סטרייקענדע קלאוקמאכערס וועלכע זיינען קרעדיט־קאסטימערס ביי דייטש בראדערס דארפען ניט צאהלען אזוי לאנג ווי דער סטרייק וועט אנהאל־טען און אז די סטרייק־קארד וואס יעדער קלאוקמאכער וועט ווייזען צו אונזערען א קאלעקטאר באפרייט איהם פון איינצאהלונגען. מיר האבען אייך געגעבען צו די סטרייקערס די פריווילע־גיע צו קויפען נויטיגע פוירניטשור ארטיקלען פאר'ן הויז אין צייט פון סטרייק, און די אפצאה־לונגען זאלען געמאכט ווערען ווען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען צו דער ארבייט.

און איצט, ווען איהר האט זיך צוריקגעקעהרט מונטערע, זיעגרייכע אין אייערע שעפער און די רעדער וועלכע אייער מעכטיגער ארעם האט אפגעשטעלט וועלען זיך ווידער אנהויבען צו דרעהען לעבעדיג און ענערגיש, און די פראדוקציאן פון אייער ריזיגער שאפענדער ארמעע וועט צוריק אנהויבען אריינצוברענגען לעבען, באוועגונג און פראספעריטי אין דער געשעפטס־וועלט, איז די פירמע דייטש בראדערס אייך ווידער גרייט צו דיענען.

אונזער זעלטענער פעברואר־סייל וואו מיר האבען אן אויסוואהל פון פרעכטיגע פוירניטשור, וועלכע וועט אי מיט דער קוואליטי, אי מיט די שטוינענד־ביליגע פרייזען ארויסרופען די גרעסטע סענסאציע — פאלט זיך גראד צוזאמען מיט אייער צוריקקער אין די שעפער און איצט, ווען יעדער פון אייך האט ווידער אמאל די מעגליכקייט א טראכט צו טאן וועגען דער בא־קוועמליכקייט און שענקייט פון זיין היים לאדען מיר אייך איין צו אונזערע סיילס און פאר־שפרעכען אייך אז מיר וועלען אייך דיענען מיט דער זעלבער עהרליכקייט און איבערגעבענ־הייט ווי מיר האבען עס געטאן ביז היינט. אונזער ליבעראלער קרעדיט סיסטעם גיט יעדען ארבייטער די מעגליכקייט צו האבען א שעהנע באלעבאטישע היים; האלט אין זינען, אז ביי דייטש בראדערס זענט איהר אלס א קרעדיט קאסטימער פונקט אזוי חשוב ווי א קעש קאס־טימער.

אכטונגספאל,

דייטש בראדערס

ניו יארק'ס גרעסטע פוירנימשור סטאר.

ברוקלין:
בראדוויי, קארנער
סאראטאגא עוועניו

דאון טאון:
עוועניו „איי",
קאר. 4טע סטריט.

הארלעם:
123טע סטריט
און דריטע עוועניו.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי
ולא ארפה.
(איוב כ"ז, ו.)

אין מיין גערעכטיג-
קייט האלט איך זיך
שטארק, און וועל
איהר ניט פערלאזען

ארבייטער פון אלע
לענדער, פאראיי-
ניגט אייך, און די
וועלט וועט זיין
אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 5. | New York, Friday, Feb. 3, 1922 | פרייטאג, דעם 3טען פעברואר, 1922 | PRICE 3 CENTS

די קלאוקמאכער יוניאן באשליסט צו שאפען א נייעם גרויסען פארטיי-דיגונגס פאנד

-ענדיך הײנע'ס אויסדרוק: „נייע צייטען, נייע פייגעל; נייע פייגעל, נייע לידער" װייל ניט אלט װערען.

אט א שטײנער דינגט מען זיך איצט אין דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן פאר הכל איבער א מיליאן דאלאר! און מען רעכענט זיך גלייך אן הײנע'ס „נייע צייטען, נייע לידער" און אזוי װייטער. האבען מיר שוין, הייסט עס, דערלעבט די צייט, אז אין א אידישער יוניאן זאל מען זיך „דינגען" װעגען א מיליאן דאלאר!

די זאך איז אזוי: דער לעצטער קלאוקמאכער סטרייק איז אין גאנצען פינאנסירט געװארען פון דער יוניאן גופא אהן אינ-נער װעלכער הילף פון דרויסען. און אפגעקאסט האט דער סטרייק א שלל מיט געלט. בלויז אין בענעפיט און רעליף צו די סטרייקערס האט די יוניאן אויסגעצאהלט ארום אכט הונדערט טויזענט דאלאר. היינט װאו זיינען די אנדערע סטרייק-אויסגאבען? רעכנט אריין פאר די אלע האלס װאו די סטרייקער זיינען געזעסען, האט אפגעקאסט א פארמעגען. האט עס פארשטעהט זיך אויסגעליידיגט דער יוניאנס בייטעל און די קלאוקמאכער װייסען דאס. אין דעם לעצטען טאג פון דעם סטרייק, װען די קלאוקמאכער האבען אין די האלס געפייערט דעם זיג, זיינען אין מאנכע האלס אנגענומען געװארען רעזאלוציעס, דאס די יוניאן זאל זיך גלייך נעהמען צו שאפען א נייעם פארטיידיגונגס-פאנד פון צװיי מיליאן דאלאר. און אזא פארשלאג איז אויך געמאכט

(שליס אויף זייט 5)

קאלעקטיװ אגרימענט אין שיקאגא דרעס טרייד פארלענגערט אויף נאך א יאהר

פרעזידענט שלעזינגער ספּעציעל ארייגעריפען צו פארהאנדלען מיט די באַלעבאטים. דער זעלבער אגרימענט אין טרייד בלייבט אין קראפט ביז דעם 1טען יאנואר, 1923. פארהאנדלונגען װעגען א נייעם אגרימענט האבען זיך אנהייבען דעם 1טען דעצעמבער, 1922.

פרעזידענט שלעזינגער איז די װאך ספּעציעל ארויסגעריפען געװארען אין שיקאגא אנצופיהרען די פארהאנדלונגען מיט די פאַבריקאנטען פון דער דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן װעגען אן אגרימענט אין טרייד.

װי אונזערע לעזער געדענקען אודאי, איז דער אגרימענט אין דרעס-טרייד פון שיקאגא אויסגעלאָפען אין דער צייט װען אונזער אינטערנעשאנאל איז געװען פארנומען מיט די קאמפען אין דער קלאוק-אינדוסטריע און פרעזידענט שלעזינגער איז דעמאלט געציטען צו א פארשטענדיגנים מיט די פארשטעהער פון דער דרעס-אסאסיאיישאן, דער אגרימענט זאל בלייבען אין קראפט נאך פאר 60 טעג. עס איז דעמאלט איינפאך קיין צייט ניש-געװען אנצופיהרען די פארהאנדלונגען און עס איז דערפון פערשיידענט אפגעלעגט געװארען.

די 60 טעג האבען זיך געענדיגט די לעצטע װאך און פרעזידענט שלעזינגער איז אריינגעריפען געװארען אין שיקאגא צו קאנפערירען מיט די באלעבאטים, און עס פרעהט אונז צו מעלדען, אז דאס האט געבראכט א גוטען רעזולטאט; דער קאלעקטיװ אגרימענט, װאס איז געשאפען געװארען אין דזשולי 1919 און איז אויסגעגאנגען דעם 1טען דעצעמבער 1921, איז װידער באנייט געװארען ביז דעם 1טען יאנואר, 1923. א פארשלאג איז אויך אנגענומען געװארען פון ביידע צדדים, דאס מיט א מאנאט פריהער איידער דער אגרימענט װעט אויסגעהן, זאלען ביידע צדדים זיך צו-

(שליס אויף זייט 16)

2טע פארזאמלונג פון אינטערנעשאנאל פארום דעם פרייטאג אין הארלעם

די צװייטע דיסקוסיאנס-פארזאמלונג פון „אינטערנעשאנאל אפען פארום", װעט פארקומען דעם פרייטאג אװענט אין „הארלעם סאשעליסט סענטער", 62 איסט 106טע סט.

אויף דער פארזאמלונג, װי אויף דער ערשטער פארזאמלונג לעצטען פרייטאג אװענט אין די בראנקס, װעלען דיסקוטירט װערען פראבלעמען פון דער קלאוק-אינדוסטריע, װעלכע אינטערעסירען אלע קלאוקמאכער. דער איינלײטער פון דער דיסקוסיע װעט זיין פרעזידענט שלעזינגער.

די מיטינגען װערען אראנזשירט פון אונזער עדיקײשאנאל דעפארטמענט.

מיר װילען באצייטענס זאגען, אז עס איז אונמעגליך געװען צו קריגען אין הארלעם א גרעסערע האל פאר פרייטאג אװענט. אין דעם גרויסען האל פון „הארלעם סאשעליסט סענטער" קען אריינגעהן א זעקס הונדערט מענשען און טאמער װעלען קומען מעהר, בעטען מיר זיי שוין באצייטענס, זיי זאלען ניט מאכען קיין שטערונגען. אזעלכע דיסקוסיאנס-מיטינגען װעלען נאך אפגעהאלטען װערען א סך און זיי װעלען האבען א געלעגענהייט צו הערען די דיסקוסיעס א צװייטען מאל.

װעגען דעם װי עס האט אויסגעזעהן די ערשטע פון דיזע דיסקוסיאנס-פארזאמלונגען, װעלען די לעזער געפינען א פולען באריכט אויף דער לעצטער זייט פון דער צייטונג. דער ערשטער מיטינג אין די בראנקס איז געװען א גרויסער ערפאלג. און דער צװייטער מיטינג, אין הארלעם װעט געװיס אויך זיין אן ערפאלג. װארים, עס האט זיך ארויסגעװיזען, דאס אונזערע קלאוקמאכער זיינען זעהר נײגעריג צו הערען דעבאטירען פראבלעמען פון זייער טרייד, מיט װעלכע זיי זיינען אזוי געקניפּט און געבונדען.

ערשטער אינטערנעשאנאל טראנספארט שוין אין רוסלאנד

דעם מאנטאג אין דער פריה איז אנגעקומען א קייבעלגראם אין אפיס פון אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל, פון האמבורג, דייטשלאנד, דאס די שיף װאס האט געפיהרט דעם ערשטען טראנספארט שפייז פאר די הונגעריגע אין סאװיעט רוסלאנד, איז אנגעקומען אין יענעם האפען.

אין דער קייבעלגראם װערט אויך געזאגט, דאס די שיף „װערט שוין אויסגעלאדען אין װאגאנעס, װעלכע װעלען אריבערפיהרען די שפייז אין סאװיעט רוסלאנד."

מען קען דעריבער ערװארטען, אז װען די שורות װעלען געלייענט װערען, װעלען די דייטשע װאגאנעס שוין זיין אין רוסלאנד מיט די שפייז-פראדוקטען װאס אונזער אינטערנעשאנאל האט געשיקט פאר די הונגערליידענדע מאסען פון יענעם לאנד.

עס איז כדאי דא צו דערמאנען, דאס אונזער אינטערנעשאנאל האט דעם ערשטען טראנספארט שפייז פאר רוסלאנד ארויסגעשיקט אין א צייט װען מיר זיינען דא געװען אין סאמע ברען פון די פילע סטרייקס אויף א סך פראנטען. אויב די רוסישע באפעלקערונג װייס דערפון, װעט די מתנה פון אונזער יוניאן דארט זיין נאך מעהר אנגעלייגט.

אינטערנעשאנאל גרייט פאר דער אונטערזוכונג אין דער קלאוק אינדוסטריע

פרעזידענט שלעזינגער שיקט װעגען דעם א בריף אין װאשינגטאן צו די מיניסטארען הואװער און דײװיס.

אלע געדענקען נאך מסתמא, אז בעת די מיניסטארען הואװער און דײװיס האבען געראטען די פראטעקטיװ אויפצוגעבען דעם קאמף געגען דער יוניאן און װידער איינשטעלען דעם אגרימענט אין טרייד, האבען זיי אויך פארגעשלאגען, עס זאל געשאפען װערען א ספּעציעלע קאמיסיע צו מאכען אן אונטערזוכונג אין דער קלאוק-אינדוסטריע. מאנכע מענשען האבען דעמאלט געפראװעט מאכען דעם איינדרוק, דאס די יוניאן װיל ניט אזא אונטערזוכונג, און דאס „זי װעט פרובירען פון דעם זיך ארויסדרעהען".

אט די דאזיגע מענשען זיינען געװיס שטארק איבערראשט געװען, װען זיי האבען זיך דערװאוסט, דאס ביים ענדע פון לעצטער װאך האט פרעזידענט שלעזינגער אדרעסירט א בריף צו די מיניסטארען הואװער און דײװיס אין װאשינגטאן, ער דערמאנענדיג װעגען דער געפלאנטער אונטערזוכונג אין דער קלאוק אינדוסטריע, אין דער זעלבער צייט אויך אנ-

(שליס אויף זייט 16)

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 5.

זייט 2. די װאך — מאקס ד. דאניש. מיטינג פון דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 3. רעפארט פון די יוניאן חייז קאָמיטע — בעסי סװיצקי. און לאקאל 9 — איזידאר סארקין.
זייט 4. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען. מיטינגען פון לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ.
זייט 5. מיטינג פון װייסט דזש. באארד — מ. ק. מאקאװ.
זייט 6. אין א קלײנעם שטעדטעל — מרים קארפּילאװ. קװיטירונגען.
זייט 7. אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאָטיץ-ביכעל.
זייט 9. דאס פראבלעם פון דעם אידישען ארבייטער-פיהרער — נ. פאמעראנץ.
זייט 10. ניט בעסער, נאר ערגער — ג. טאביאס. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. דער סטרייק פון די בעד ספרינג מאכער — אן אייגענער. א מעשה מיט א איינגעל און א מיידעל — נפתלי גראס.
זייט 12. דער קאמף פון די עמבראדערערס יוניאן, לאקאל 66 — אסיפ װאלינסקי. װי צו זיין געזונט — דר. ב. דובאװסקי.
זייט 13. קורצע שמועסען. פארשיידענעס.
זייט 14 און 15. אדװערטייזמענטס.
זייט 16. ערשטע דיסקוסיאנס פארזאמלונג פון אינטערנעשאנאל פארום — א סטעף רעפארטער.

דער ארגאניזאציאנס-קאמפיין פון די װייסט און דרעסמאכער ענערגיש דורכגעפיהרט

דער ארגאניזאציאנס קאמפיין װאס דער דזשאינט באארד פון דער װייסט און דרעס אינדוסטריע האט לעצטענס װידער אנגעפאנגען, װערט איצט גאנץ ענערגיש דורכגעפיהרט. דער קאמף איז געריכטעט געגען די ניט-יוניאן שעפער װאס האבען זיך אנגעפלאדיעט אין דער אינדוסטריע, װעלכע זיינען א געפאהר פאר די ארבייטס-באדינגונגען אין די יוניאן שעפער.

װי מיר האבען שוין געמעלדעט אין די „גערעכטיגקייט", איז לעצטען שבת ביי-טאג אפגעהאלטען געװארען א מיטינג פון די עקזעקוטיװ באארדס פון די אלע לאקאלס װאס זיינען פאראייניגט אין דערמאנטען דזשאינט באארד און דער מיטינג האט פאלשטענדיג גוטגעהייסען דעם קאמפיין װאס דער דזש. באארד האט איצט װידער אויפגענומען. די מיטגלידער פון די אלע עקזעקוטיװ באארדס האבען זיך אויך פארפליכטעט צו העלפען פערזענליך דעם קאמפיין און זיי ארבייטען האנט אין האנט מיט די בעאמטע פון דעם דזשאינט באארד.

מאנטאג גאנץ פריה האט די יוניאן

(שליס אויף זייט 5)

טיקעטס צו האלבע פרייזען אין בראדוויי טעאטערס.

דער באװאוסטער טעאטער מענעדזשער מר. האפקינס, האט געמאכט אראנדזשמענטס מיט אונזער עדיוקײשאנאל דעפארטמענט, דאס די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל זאלען באקומען טיקעטס פאר א האלבען פרייז.

פאר דינסטאג אװענט, דעם 7טען פעברואר, אין פלימוט טעאטער, װאו עס װערט געשפּילט „די דעלודזש".

פאר מיטװאך אװענט, דעם 8טען, אין װאנדערבילט טעאטער. עס װערט געשפּילט „אנא קריסטי".

די מיטגלידער דארפען װייזען ביים באקס-אפיס דעם יוניאן-ביכעל, װעלען זיי באקומען טיקעטס פאר א האלבען פרייז.

מיט טיקעטס דארף מען זיך פארזארגען מיט א טאג פאר דער פארשטעלונג, אדער דעם זעלבען טאג ביז 7 אוהר אין אװענט.

סלאוקמאכער גענעראל־סטרייק קאמיטע אפיציעל אינדארסירט פון פרעזידענט שלעזינגער

(שלוס פון זייט 1)

[illegible]

די ... פון די טשערליים.

בן ... , דער טשער־מאן פון דזשאינט באארד, עפענט דעם מיטינג און ער שילדערט אויס די טעטיגקייט פון די פארשיידענע קאמיטעס אפיציעל אין זייער לעצטען באריכט. און איינער נאכ'ן אנדערן ... ווי מיט שטאלץ און צופרידענהייט. יעדער איינער פון זיי פיהלט, אז ער האט עפעס ביינעטראגען צו דעם ... פון דער יוניאן און דאס מאכט זיי שטאלץ מיט זייער ארבעט.

די באריכט אפגעבער זיינען געווען: א. פיינבערג, דזשענעראל מענעדזשער פון דער יוניאן און טשערמאן פון דער סעטלמענט קאמיטע; יש. ברעסלאו, פון דער ... קאמיטע; סאול מעטץ, פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע; ה. וואנדער, פון דער פיקעט קאמיטע; לואיס לאנגער, פון דער אוט־אוו־טאון קאמיטע; מ. ... עפשטיין, פון דער לאא קאמיטע; ... העלער, פון דער ספיקערס קאמיטע; ב. שעיי, פון דער רעליף קאמיטע; פיליפ קאפלאוויץ, פון דער פינאנץ קאמיטע; פון די טעריטאריע פארשטעהער: אב. ראזענבערג, פון ניו דזשוירזי; באביטץ, פון בראנזוויל; בראדפארד ... ; פון הארלעם; מ. ברוס, פון נוארק; קריטשאנסקי, פון ברוקלין; עס רעדט אויך ה. סלוצקי, פון דער אינפארמיישאן ביורא.

אלע דיזע טשערליים דריקען אוים, אין נאמען פון דער גענעראל סטרייק קאמיטע, א דאנק צו זייערע מיטהעלפער אין דער ... עס ... אפלאדיסמענטען. ברודער העלער דריקט אוים א באזונדער דאנק צו נעג. ר. גוסקין, דער מענעדזשער פון דער אקטארען יוניאן, פאר זיין הילף, וואס ער האט געגעבען ביים ארגאנוירען די קאנצערטען און די טעאטער פארשטעלונגען פאר די סטרייקער. ברודער העלער רעכענט אויך אוים די נעמען פון אלע רעדנער, וואס האבען גערעדט אין צייט פון סטרייק און די סטרייק קאמיטע האט זיי אלעמען באדאנקט.

פרעזידענט שלעזינגער, זידקווים און קאהאן קריגען אוואציעס.

פרעזידענט שלעזינגער איז געקומען מיט זידקווים'ען, ווען דער מיטינג איז שוין געווען אין פולען גאנג. זיי האבען באקומען א גרויסע אוואציע גלייך ווי זיי האבען זיך אין האל באוויזען.

דאס גלייכען איז געווען א ביסעל שפעטער, ווען אין האל איז געקומען אב. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס" און משה'לם אווינער, מענעדזשינג עדיטאר פון די „קאל". די דריי געסט האבען נאך דעם געהאלטען באגייסטערנדע רעדעס, וואס דער עולם האט אויפגענומען מיט א סך אפלאדיסמענטען. קורצע רעדעס זענען אויך געהאלטען פון דעם סעקרעטאר בארא‌ף, ה. לאנג, דער לייבאר עדיטאר פון „פארווערטס" און ל. פינקעלשטיין, פון די „גערעכטיגקייט".

די גרעסטע אוואציע האט באקומען דער לעצטער רעדנער — פרעזידענט שלעזינגער. ער האט געהאלטען א זעהר ריהרענדע שלום רעדע, איבערגעהענדיג אין קורצען אלע פאסירונגען פון דעם מערקווירדיגען סטרייק און דער עולם האט געענטפערט מיט אפלאדיסמענטען און הורא געשרייען.

פרעזידענט שלעזינגער האט זיך באזונדערס אפגעשטעלט אויף דעם פאקט, וואס דער סטרייק איז אין גאנצען פינאנסירט געווארען פון דער יוניאן גופא: „עס איז ניטא איין מענש, אדער איין ארגאניזאציע — האט ער שטאלץ אויסגערופען — וואס קאן זאגען, אז זיי האבען דעם סטרייק געהאלפען כאטש מיט איין סענט, און דער סטרייק האט דאך געקאסט אזוי פיל געלט! איבער זיבען הונדערט טויזענט דאלער — רופט ער אוים, האט די יוניאן אויסגעצאלט אין סטרייק בענעפיט און רעליף און דאס איז אלץ געקומען פון דער יוניאנס אייגענע טרעזשורי, אהן אירגענד וועמעס הילף!"

אין פארלויף פון דעם מיטינג זיינען געמאכט געווארען אייניגע רעקאמענדאציעס, דאס די קלאוקמאכער יוניאן זאל זיך גלייך נעמען שאפען א צוויי מיליאן דאלער פארזיכערונגס פאנד. פרעזידענט שלעזינגער האט אין זיין רעדע זיך אויך אפגעשטעלט אויף דעם און אונטערשטיצט דעם פארשלאג.

די גענעראל סטרייק קאמיטע האט דעם פארשלאג גוטגעהייסען, איידער זי האט זיך אויפגעלייזט. עס איז באשלאסען געווארען דאס צו רעקאמענדירען צו דעם דזשאינט באארד און דער פארשלאג וועט געוויס אויפגענומען ווערען דעם שבת, אויפ'ן ערשטען מיטינג פון דזש. באארד נאך דעם סטרייק.

צו מאכען רעפארטען פון די טשערלייט פון די קאמיטעס וועלען מיר זיך נאך אומקערען א צווייטען מאל און דערמאלט וועלען מיר אנגעבען אינטערעסאנטע איינצעלהייטען.

איצטער קומט די וויסט און דרעס אינדוסטריע

(שלוס פון זייט 1)

אלע ארבייטער אין טרייד. די ארבייטער ... וואס די באלעבאטים ... נאך זייערע פארדערונגען. אין דער צייט וואס מען דאן אין די שעפער קוים לעבען מאכען אונטער די איצטיגע ארבייטס־באדינגונגען, און מען האט זיך גענומען פארפעסטיגען די יוניאן, שטארקער מאכען די ארגאניזאציע.

אן ענטוזיאסטישער מיטינג פון שאפ־טשערליים אין טרייד.

די אויפלעבונג אין די רייהען פון די וויסט און דרעסמאכער האט זיך קלאר ארויסגעוויזען לעצטען דאנערשטאג, אויף דעם מיטינג פון די טשערלייט אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע. דער גרויסער וועבסטער־האל איז געווען איבערפילט מיט די טשערלייט און טשערלידיס וואס זיינען געקומען אויפ'ן רוף פון דער יוניאן. דער ... פון די מאסען אין דעם טרייד איז, דאס איצט מוזען די וויסט און דרעסמאכער זיין פונקט אזוי גוט ארגאניזירט, ווי עס זיינען די קלאוקמאכער.

דער שאפ־טשערמען מיטינג איז געווען זעהר אן ענטוזיאסטישער. די ... רעדנער האבען דעם מיטינג ... : פרעזידענט שלעזינגער, סעקרעטער בארא‌ף, דזש. האלפערין, דזשענעראל מענעדזשער פון דעם וויסט מאכער דזשאינט באארד; י. בערלין, ... פרעזידענט פון דעם דזשאינט באארד; ... הארכמאן, מענעדזשער פון אינדיפענדענט דעפארטמענט און לואידזשי אנ... , מענעדזשער פון לאקאל 89.

אלע רעדעס זיינען אויפגענומען געווארען מיט פיל באגייסטערונג.

באזונדערס גרויסע אוואציעס האבען באקומען שלעזינגער און בארא‌ף. די ... טשערליים און טשערלידיס ... זיי באגריסט מיט דעם זינג פון ...

די קלאוקמאכער, אין דער זעלבער צייט זיך פארפליכטענדיג צו שטארקען די אייגענע רייהען. אויף דעם מיטינג האט זיך ארויסגעזעהן נאר א נייער לעבען אין די רייהען פון די וויסט און דרעסמאכער.

א רעזאלוציע איז איינשטימיג אנגענומען געווארען, דאס די יוניאן הייסט גוט די שטעלונג פון די פארשטעהער אויף די קאנפערענצען מיט דער מאנופעקטשורערס אסס'ן אין דער אינדוסטריע, זייער אינסטרואירענדיג ווייטער אנצוגעהן מיט דער ארבייט אויף דעם זעלבען אופן.

פרעזידענט שלעזינגער, סעקרעטער בארא‌ף און די מיטגלידער פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל וועלען באזונדערס זיך אפגעבען צו העלפען פארשטארקען די יוניאנס וואס זיינען פאראייניגט אין דעם דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע.

א וויכטיגער מיטינג דעם שבת 1 אוהר בייטאג.

דעם שבת, 1 אוהר בייטאג וועט אפגעהאלטען ווערען א וויכטיגער מיטינג פון אלע עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס וואס שטעלען צוזאמען דעם וויסטמאכער דזשאינט באארד. אויף דעם מיטינג וועלען אויך זיין אלע לאקאל און דזשאינט באארד באאמטע פון דער אינדוסטריע.

דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען אין די רענד סקול. פרעזידענט שלעזינגער און סעקרעטער בארא‌ף וועלען זיין אויף דעם מיטינג. זיי האבען באזונדערס וויכטיגעס מיטצוטיילען צו די מיטגלידער פון די עקזעקוטיוו באארדס.

עס איז צו האפען, אז די מיטגלידער פון די אלע עקזעקוטיוו באארדס וועלען קומען אין צייט.

ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20 האט טראבעל מיט די קאנטראקטארס

נאך האבען די קאנטראקטארס ניט געלערנט זייער לעקציע. נאך אלע מפלות וואס די קאנטראקטארס, געשעפטס פון די מאנופעקטשורערס, האבען געכאפט אין סטעטען איילענד צוריק מיט צוויי יאהר, און די מפלות וואס אנדערע קאנטראקטארס האבען געכאפט און כאפען נאך איצט, האבען זיך דאך געפונען עטליכע חברה וואס האבען זיך אונטערגענומען צו צוברעכען די ריינקאוט מאכער יוניאן. זיי האבען אויפגעעפענט א שאפ אין א שטאל אין סטעטען איילענד, האבען אנגעפאנגען קריכען צו ריינקאוט מאנופעקטשורער און זיי גענומען אויסמאלען די גליקען וועלכע שטעהען זיי פאר צו צוברעכען זייערע אגרימענטס מיט דער ריינקאוט מאכער יוניאן און ארויסשיקען זייער ארבייט אין שטאל ארויין, קיין סטעטען איילענד. איין פאבריקאנט האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען, האט געמאכט א לאקאוט אויף זיין שאפ, אויף דער 12טער סטריט, און גענומען ארויסשיקען די ארבייט אין סטעטען איילענד.

די ריינקאוט מאכער יוניאן, זייענדיג שטענדיג אויף דער וואך, האט קיין צייט ניט פארלארען און אנגעפאנגען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין.

ווי עס האבען זיך נאר באוויזען די ערשטע עטליכע פיקעטס לעבען שאפ אין סטעטען איילענד, האבען זיך באלד אנגעפאנגען באוויזען גארילעס און שטארקע און מען האט אנגעפאנגען די טייפעלשע ארבייט פון שאפלען קעיס פון יוניאנלייט, און צו דער זעלבער צייט ווי ארעסטירען, „אפפריימען" זיי, אויף דעם אלטען שטייגער, און עס שטעהען שוין פינף פון די פיקעטס אונטער טויזענט דאלער בייל יעדער.

די יוניאן, זעלבסטפארשטענדליך, שלאפט ניט. זי געהט ענערגיש אן מיט איהר ארגאניזאציאנס ארבייט.

דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 20 האט לעצטענס אנגעשטעלט ברודער ארטור סעמיועלס, וועלכער איז פריהער געווען דזשענעראל ארגאנייזער פון דער אינטערנעשאנאל, אויפצופאסען אויף דער סיטואציע און סטעטען איילענד און אין אלגעמיין צו העלפען די ארבייט אין שאפ פון לאקאל 20.

ווען עס איז גוט אויפ'ן הארצען

די קלאוקמאכער האבען זיך צוהוליעט. נאך אזא קאמף, וועלכען זיי האבען געפיהרט און נאך אזא זיג, וועלכען זיי האבען דערגרייכט אין צו אזא געזונטע לאגע, און וועלכער זייער יוניאן געפינט זיך, זיינען באנקעטען און באנקעטלאך די נעקסטע זאך, וואס די קלאוקמאכער זיינען בערעכטיגט זיך צו נעהמען.

וואס עס זאל ניט זיין שפעטער, דערווייל איז שוין איין הוליאנקע געוועזען. קלאוקמאכער ריידען צו מאכען א באנקעט אין מעדיסאן סקוועיר גארדען, כדי צו קענען האבען א פערטעל פון די מעמבערס אט וויינגסטענס, ביי דער גרויסער שמחה. זאגען אבער אנדערע קלאוקמאכער, אז מעדיסאן סקוועיר גארדען צו נעהמען איז אן עולה, ווייל טאקע ניט מעהר ווי א פערטעל מעמבערס קענען אהין אריינגעהן, און זיי שלאגען פאר, אז מען זאל דעם גרויסען באנקעט אפלעגען אויף זומער, ווען עס וועט זיין ווארעם אויף די גאסען, און דאן זאל די יוניאן אפדינגען ביים מעיאר פון שטאדט א אגאנצען סקוועיר און דארטען זאל זיין די שמחה. אזוי צי אזוי, דערווייל איז אבער שוין געווען א שמחה'לע נעכטען אווענט. עס האבען זיך צוזאמענגענומען אלע האל טשערלייט, די גאנצע האל קאמיטע, מיט אקטיווע מעמבערס פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע, מיט די סטרייק־פיהרער און זיינען אוועק צו א סעודה, וואס דאס האט געהייסען א באנקעט צו עהרען די האל קאמיטע און דעם טשערמאן פון דער קאמיטע דזש. ברעסלאו.

עס זיינען ביי דער שמחה'לע געווען אלע וועלכע האבען גענומען גרויסע און וויכטיגע ארבייט פאר'ן גרויסען קאמף. געפעהלט האט נאר דער פרעזידענט בענדזשאמין שלעזינגער. דער פרעזידענט פון די אינטערנעשאנאל איז איצט אין וואשינגטאן. ער איז שולדיג אן אפאינטמענט די מיניסטארען הואווער און דייוויס. אין מיטען סטרייק האבען זיי איהם גערופען צו קומען אין וואשינגטאן און ער האט זיך דאן ענטזאגט, ווייל דארטען זיינען געווען די מאנופעקטשורערס, און ער האט זיך מיט זיי ניט געוואלט טרעפען, וואו זיי זאלען פריהער ניט איינשטעלען דעם פריהערדיגען אגרימענט. עס האט, אלזא, געהייסען אז שלעזינגער האט זיך צוקריגט מיט די מיניסטארען און האט זיך ענטזאגט צו פאלגען זיי, און איצטער וויל מען דאס זיי צוריק מאכען פאר גוטע פריינד, און דערפאר איז ער דאס ביי דער נעכטיגער שמחה'לע ניט געווען. עס האבען אויך געפעהלט א פאר אנדערע, צוליב אנדערע אורזאכען, אבער די שמחה האט עס ניט געשטערט. עס איז שוין געווען איין מאל א שמחה.

אין אבעטאריא האל, 62 איסט 4טע סטריט, האט מען געהוילעט פון 7 אין אווענט ביז 1 אין מיטען נאכט, אבער געהוילעט! קלאוקמאכער, אלטע און יונגע, פיהרער פון רענק און פייל, האבען זיך אויסגעלאזען טאנצען ארום די טישען, אזוי ווי קינדער. מען האט געטאנצט קאזאצקעס און קאדרילען, אבער אזוי ווי גאט האט געשטראפט, אז א הוליאנקע קען ניט זיין אהן רעדעס, זיינען די פאלגענדע געווען די רעדנער ביים באנקעטעל:

אב. בארא‌ף, דזשענעראל סעקרעטער פון דער אינטערנעשאנאל; מארים זיגמאן, ערשטער וויס־פרעזידענט פון די אינטערנעשאנאל; ש. יאנאווסקי, רעד. פון „גערעכטיגקייט"; ה. לאנג, לייבאר עדיטאר פון „פארווערטס"; י. פיינבערג, דזשענעראל מענעדזשער פון דער יוניאן; י. העלער, געוועזענער טשערמאן פון דער ספיקער'ס קאמיטע און געבליבענער סעקרעטער פון לאקאל 17, און די האל־טשערליים: מאוז, פיש, היינס און ארנסקי. דער טאוסט מאסטער פונ'ם איינער איז געווען דער טשערמאן פון די האל קאמיטע און מענעדזשער פון לאק. 35, דזש. ברעסלאו. („פארווערטס").

אונזער עמבראידערערס יוניאן האט א זיג אין קאורט.

(שלוס פון זייט 1)

נאך אנדערע צוויי פיקעטס האט זיך ניט געפינען לעבען א פלאץ וואו עס געהט אן א סטרייק. ווענען דעם האט ריכטער וואגנער געזאגט:

„עס מאכט ניט אוים, אויב איינער אדער מעהרערע פיקעטס ווערען באנוצט. רעכט אדער אומרעכט ווערט ניט באשטימט דורך א צאהל. אויב איינער מעג טאן א געוויסע זאך, מעגען דאס אויך טאן עטליכע צוזאמען. אויב עס איז רעכט עפעס וואס איינער טוט, ווערט דאס ניט אן אומרעכט, ווען דאס ווערט געטאן פון עטליכע אינאיינעם".

דער לאיער פאר דער יוניאן איז געווען מארים ראטענבערג.

קויפט אויסשליסליך
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

צו די ארבייטער פון די פראטעקטיוו שעפער!

אלע ארבייטער פון די פראטעקטיוו שעפער ווערען אויפגעפאדערט צו ברענגען זייערע קאמפליינטס אין אפיס פון דזשאינט באארד, 40 איסט 23־טע סטריט, אויפ'ן 8טען פלאר, צו ברודער פיין, דער קאמפליינט קלוירק פון פראטעקטיוו דיוויזשאן, פון דזשאינט באארד.

אין נאמען פון דזשאינט באארד קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן
דזשוי רובין,
מענעדזשער פראטעקטיוו דיוויזשאן.